STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01410

DOS ARBETER PALESTINE

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-01410-9

9780657014100T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

דאס ארבעטער פאלעסטינע

*

הויז ביבליאטעק
אברהם מיימודעס
A. MAYMUDES

ווארשע

1923

דאס ארבעטער פאלעסטינע

הויז ביבליאטעק
אברהם מיימודעס
A. MAYMUDES

ווארשע

1923

אינהאַלט:

זרבבל / דער פּאַלעסטיניזם רופט.

א. כאַשין / צום מהות פון פּאַלעסטיניזם.

ניר / די שפּראַך פון ציפערן.

ז. אָסטראָווסקי / צו דער טאַקטיק אין פּאַלעסטינע.

י. ישראלי / אקטועלע פּאַלעסטינע פראַגן

א. שאַווסקי / קאָאָפּעראַציע אין פּאַלעסטינע.

ש—ן / פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזירונג.

יוסף / זייערע טענות.

י. שטיין / שטימונגען און פּראַקטיק

ז. אווערבוך / אונזער פּאַלעסטינע־ארבעטער־פאָנד.

סטאַטיסטישע טאַבעלן.

מאַטעריאַלן.

זרובבל / דער פּאַלעסטיניזם רופֿט

ס'האָבן זיך אָנגערוקט ערנסטע גרויזאַמע צייטן פֿאַרן יידישן אַרבעטער-פֿאָלק. די גרויסע געשעענישן פֿון די לעצטע יאָרן, וואָס האָבן מיט אַ סטיכישער קראַפֿט אויפֿגעטרייסלט די טויזנט-יאָריקע יסודות פֿון דער גאַנצער וועלט, האָבן זיך, ווי אַ חורגאַן, אַריינגעריסן אין דער יידישער גאַס און אַרויסגערופֿן דאָרט אַ גרינטלעכע דערשיטערונג. אַלטע איינגעפֿונדעוועטע יידישע מאַסן-ישובים זענען צעוודערט געוואָרן, און מחנות פֿון הונדערטער טויזנטער האָבן דורך נאַכט, פֿאַרלוירן יעדן מקור פֿון חיונה; די ביזאיצטיקע ספּעציפֿישע „יידישע" פּרנסות זענען אַ תּל געוואָרן מיטן אָנקום פֿון דער נייער עקאָנאָמישער תּקופֿה, און שאַרף, באַפֿעלעריש איז אוועקגעשטעלט געוואָרן פֿאַר די ברייטסטע שיכטן פֿון יידישן פֿאָלק די קאַטעגאָרישע פֿאָדערונג, אומצובייטן דעם גאַנצן ביזאיצטיקן לעבנס-שטייגער און איבערגיין צו נייע פּראָדוקטיווע באַשעפֿטיקונגען.

דער יידישער פּראָלעטאַריאַט איז אַרויסגערוקט געוואָרן צום פֿאָדערגרונט פֿון יידישן נאַציאָנאַלן לעבן און ס'האָט זיך, אַ רגע, געדאַכט, אַז ס'ווערט פֿון דאָרט אויסגעראָטן יעדער שפּור פֿון צעפֿוילטן פּחדנישן בירגערטום און גאַסטפֿאַרכטיק-זויגערישן קלעריקאַליזם, וואָס האָבן דורות-לאַנג געהאַט די אומבאַגרענעצטע שליטה איבער די, אויף הפקר איבערגעלאָזטע, יידישע מאַסן. דער צער פֿון חורבן האָט זיך פֿאַרלוירן אין דער פֿריידיקער איבערצייגונג, אַז אויף די חורבות פֿון אַלטן יידישן טביה'דיק-אידילישן אָדער מנחם-מענדלעריש-טומלדיקן לעבן שפּראָצט-אויף אַ ניי פּראָדוקטיוו לעבן פֿון די אויפֿגעקומענע פֿול-בלוטיקע שאַפֿונגס-כּוחות פֿונם פֿאַרמערטן אין צאָל און אויפֿגעשטייגערטן אין איכות יידישן פּראָלעטאַרישן קאָלעקטיוו.

ביים שיין פֿון דער נייער וועלט-איבעראַנדערשנדער תּקופֿה זענען דורכן גאַנצן אַרבעטער-קלאַס איבערגעשאַצט געוואָרן די פֿאַרשידענע אַלטע ווערטן און גרינטלעך איבערגעקוקט געוואָרן כּל-ערליי איינגעוואָרצלטע אמתן. האָט זיך געגלויבט, אַז אויך די איינגעבירגערטע פֿאָרורטיילן בנוגע דער אויפֿפֿאַסונג פֿון דער „יידן-פֿראַגע" וועלן זיך איצט אויסווען און ס'וועלן פֿעסטגעשטעלט ווערן אויך פֿאַרן יידישן פּראָלעטאַריאַט קלאָרע אויפֿגאַבן אין די ראַמען פֿון זיין אייגענער נאַטירלעכער, אָרגאַנישער פּראָדוקציאָנס-סביבה. איז דאָך איצט קלאָר געוואָרן, בכל אופֿן פֿאַר די אַוואַנגאַרד-טיילן פֿון פּראָלעטאַריאַט, אַז די קלאַסן-באַוועגונג קאָן זיך נישט באַנוגענען און באַגרענעצן מיט די קליינלעכע נישטיקע לויפֿנדע טאָג-פֿראַגן און מאָמענט-באַדערפֿענישן, נאָר אַז זי מוז דער עיקר וועקן די פֿאַרשטענדניש פֿאַר דער ווייטערער פּערספּעקטיוו, פֿאַרן היסטאָרישן אידעאַל פֿון אַרבעטער-קלאַס און קאָנצענטרירן די ענערגיע און זעלבסטטעטיקייט פֿון די אָרגאַנירטע מאַסן הויפּטזעכלעך אין דער ריכטונג פֿון זיין דערגרייכונג.

מוז דאָך, אויב אַזוי, אויך דער יידישער אַרבעטער-קלאַס אַרויסרייסן זיך פֿון די פּענטעס, וואָס בינדן אים צו די באַדערפֿענישן און פֿאָדערונגען פֿון בלויז צייטווייליקער באַדייטונג און לאָקאַלן כאַראַקטער און אויפֿנעמען ענדלעך אויך יענעם גרויסן באַפֿרייונגס-אידעאַל פֿון דורכפֿירן די גרינטלעכע רעוואָלוציע אין יידישן לעבן, וואָס זאָל אים, דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט, געבן אין די הענט די זעלבע ווירטשאַפֿטלעכע כּלי-זיין און פּאָליטישן כּח, מיט וועלכע דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער-קלאַס שמידט די יסודות פֿון דער נייער געזעלשאַפֿט.

האָט טאַקע מיט אַ באַזונדער העלער ליכט אויפֿגעפֿלאַקערט צו יענער צייט דער אמת

פון דער פועלי-ציוניסטישער שיטה, וואס פאסט-אויף מארקסיסטיש די דערשיינונגען פון דער ווירקלעכקייט און צייכנט אן א פאזיטיוון אקציאנס-פראגראם פאר דעם צווישן מלוכות און פעלקער צעשפרייטן און דאך איינהייטלעכן פאריניקטן יידישן ארבעטער-קאלעקטיוו. די עקאנאמישע דערשיטערונג פון די יידישע ישובים, די אומגעהייערע מאסן-עמיגראציע אפילו פון די לענדער, וואו די מאכט איז אריבער צום ארבעטער-קלאס, די נייע שוועריקייטן אין די אלטע איינוואנדערונגס-לענדער און די פראדוקטיווע אויסזיכטן פון דער יידישער קאלאניזאציע אין פאלעסטינע האבן געצוואונגען צו אן איינהייטלעכן סיסטעם אין באנעמען די פראצעסן פון יידישן לעבן און דרינגלעך געפאדערט א קלארע מארקסיסטישע תשובה אויף די אלע פלוצים פארשארפטע פראגן און פראבלעמען פון דער קאנקרעטער יידישער אלטעגלעכקייט.

אזא תשובה האט געגעבן דער פועלי-ציוניזם. ער האט מוטיק און דרייסט אראפגעריסן דעם שלייער פון די פארפאנצערטע מיט קאסמאפאליטישער טראדיציע און באדעקטע מיטן שימל פון אסימילאציע טעאריעס; מען מוז מודה זיין, אז דער מקור פון דער יידישער ווירטשאפט-לעכער אייגנארט איז די באדנלאזיקייט. דאס, וואס יידן זענען אומעטום א נאציאנא-לע מינדערהייט, צונויפגעפרעסט אין די ראמען פון האנטווערק און געברויכס-פראדוקציע איז גורם צו דער פאליטישער אומפרוכטבארקייט און עקאנאמישער אנמעכטיקייט אויך פון יידישן ארבעטער-קלאס. זיין קלאסן-ענערגיע ווערט תמיד געהאמעוועט דורך דעם דרוק פון נאציאנאלער קאנקורענץ און זיין רעוואלוציאנערער טעמפע-ראמענט האט נישט די געלעגנהייט אויסצודריקן זיך אין אנטשיידנדיקע פאליטישע טאטן. דער איבערגאנג צו די נייע פראדוקציאנס-צווייגן אין ראטן-מלוכות באדייט א קאלא-סאלע שטייגערונג; ער איז אבער באשווערט און באשרענקט, און אויך פון דארטן מוז שטרא-מען אין ברייטע כוואליעס די יידישע אויסוואנדערונג.

אביעקטיוו צייכנט זיך אן אין יידישן לעבן גופא דער אויסוועג. סטיכיש ווערן אויפן שטח פון דער יידישער צווישן-מלוכהשקייט געמאכט פרוואון איבערצוגיין צו קאלאניזאציע, קריגן א צוטריט צו דער אור-פראדוקציע, באהעפטן זיך מיט דער מאמע-ערד און אירע אוצרות, דעם קוואל, פון וואנען דאס גאנצע לעבן ציט זיין חיונה. אין רוסלאנד און אין אמעריקע, אין אר-גענטינע און אין ארץ-ישראל — אומעטום שפארן זיך די טענדענצן צו איבעראנדערשן דעם יסוד פון יידישן ווירטשאפטס-לעבן. אין פאלעסטינע געפינען זיי פרייען פלאץ פאר זייער פולער אומגעצוימטער אנטוויקלונג און קריגן די פולסטע באפרידיקונג. דארט ווערן זיי פון סטיכישע פאקטן מגולגל אין רעוואלוציאנערע פאקטארן. דאס זענען נישט קיין צופעליקע דערשיי-נונגען, געקינצלטע און מיט א כיוון ארויסגערופענע דורך א פילאנטראפ, ווי באראן הירש, צו פאליטישן בעל-הלומות, ווי ד"ר הערצל. דאס זענען סטיכישע, ארגאנישע פראצעסן, וואס ווערן געטריבן מיט דער אור-קראפט פון זייער דרינגלעכקייט און אומפארמיידלעכקייט.

וויל מען, הכלל, דער יידישער פראלעטאריאט זאל ווערן א מאכט און א פאקטאר אינם אלגעמיינעם באפרייונגס-קאמף, מוז ער קודם-כל אנערקענען זיין אייגענע ווירקונגס-סביבה, אנערקענען זי, אזוי ווי זי איז. דאס הייסט נישט, שלום מאכן מיט אלע אירע חסרונות און אנאמאליעס. נאר אומגעקערט, אויפנעמען אליין דעם דירעקטן קאמף מיט זיי, שטעלן זיך פאר א ציל זייער אויסראטונג און פארניכטונג.

דערצו איז נייטיק צו שטיין מיט ביידע פיס אין דער יידישער ווירקלעכקייט, אומעטום, וואו זי פליסט, וואו זי שפארט-אן. אויפוועקן און ארגאניזירן די אייגענע כוחות פון גאנצן ארב. קאלעקטיוו און מארקסיסטיש פירן דעם קאמף. נישט אויפגעבן זיך בלויז אין די פרטים, נאר

אויך זיי באַנעמען פֿון שטאַנדפּונקט פֿון היסטאָרישער פּערספּעקטיוו, פֿון ווייטערן אידעאַל. דער אידעאַל, וואָס איז נוגע נישט איינציקע גרופּן, נישט געציילטע יישובים, נאָר דעם גאַנצן יידישן אַרבעטער־כּלל אין גאָר דער וועלט.

בקיצור: —

אויפֿפֿאַסן מאַרקסיסטיש דעם ווירטשאַפֿטלעכן איגהאַלט פֿונם יידישן פּראָבלעם, פֿעסטשטעלן דעם וויסנשאַפֿטלעכן פּראָגנאָז פֿון אומעטומיקער פּראָדוקטיוויזירונג און טעריטאָריאַלער קאָנצענטראַציע אין פּאַלעסטינע, און אויף דעם יסוד אָרגאַניזירן דעם אַלטעגלעכן און היסטאָריש־באַרעכנטן קאַמף פֿונם אַלוועלטלעכן יידישן אַרבעטער־קאָלעקטיוו.

די טענדענצן פֿון דער נייער צייט האָבן באַשטעטיקט און באַרעכטיקט די פּועלי־ציוניסטישע אויספֿירונגען. אויב ביז דאַן האָט זיך דער פּאָליטישער קאַמף פֿון פּראָלעטאַריאַט געמוזט לאָקאַליזירן, צוגעפּאַסט צו די אויפֿגעשטעלטע מחיצות צווישן איין און צווייטער מדינה, איז עס איצט אָפּגעלייקנט געוואָרן און ס'האָט אויפֿגעקלונגען דער לאָזונג פֿון איינהייטלעכן פּאָליטישן קאַמף אין אינטערטעריטאָריאַלן מאַסשטאַב. אויב ביז דאַן האָט דער פּראָלעטאַריאַט זיך אַרויסגעדרייט פֿון די עיקרדיקע ווירטשאַפֿטלעכע פּראָבלעמען, באשר די אָרגאַניזירונג פֿון דער פּראָדוקציע איז סיי ווי אין די הענט פֿון דער בורזשואַזיע, — איז געקומען די נייע צייט און אויפֿגעפֿאָדערט דעם אַרבעטער־קלאַס צו זיין נייער אויפֿגאַבע, אַלס אָרגאַניזאַטאָר פֿון דער ווירטשאַפֿט און באַוואוסטזיניקער רעגולירער פֿון די סטיכישע פּראָצעסן.

דער פּראַקטישער אויספֿיר דערפֿון בנוגע דער ראָל פֿונם אַרבעטער־קלאַס אין יידישן לעבן איז געווען אויבן־אויף: אויפֿוויקלען די פֿאָנען פֿון יידישן אַרבעטער־קאַמף, אויפֿנעמען די פֿולע אחריות פֿאַרן איבערבוי פֿון דער יידישער ווירקלעכקייט אין הסכם מיט די נייע אַנטוויקלונגס־טענדענצן און, לויט די מעטאָדן פֿון דער תקופֿה, אַליין ווערן אַקטיוו אויף אַלע געביטן. און דאָך האָבן דעם דאָזיקן אויספֿיר נישט געמאַכט סיי גרויסע טיילן פֿון יידישן פּראָלעטאַריאַט גופֿא און אויך די אָנפֿירנדיקע עלעמענטן פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער פּראָלעטאַרישער עפֿנטלעכקייט. פֿאַרקערט. די פּערספּעקטיוון פֿון באַלדיקער אַלמענשלעכער גאולה האָבן אויפֿגעוועקט פֿאַלשע און שעדלעכע אילוזיעס, אַז די יידישע פֿראַגע וועט ממילא דורך דעם פֿאַרענטפֿערט ווערן, אַז זי דאַרף גאָר, בכן, אַפֿילו נישט אונטערגעשטראָכן ווערן.

און אין נאָמען פֿון דיזעלבע לאָזונגען, וואָס האָבן געזאַמלט דעם אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט און געשטאַרקט זיין אָרגאַניזאַציע אויפֿן יסוד פֿון זעלבסטאַקטיוויטעט, האָט מען געפֿאָדערט די ליקווידאַציע פֿון דעם יידישן אַרבעטער־קאָלעקטיוו און געלייקנט זיינע באַזונדערע אייגנאַרטיקע אויפֿגאַבן. דער פּאַלעסטיניזם, וואָס האָט באַגייסטערט צום קאַמף צענדליקער טויזנטער יידישע פּראָלעטאַריער און וועלכער האָט זיך שוין אויסגעדריקט אין טאַטן פֿון גרעסטער חשיבות אפֿילו פֿאַרן אַלגעמיינעם פּראָלעטאַריאַט, איז פֿאַרשריען געוואָרן אַלס רעאַקציע. און דער פֿאַרראַט האָט טריאומפֿירט. די יידישע אַרבעטער־ווירקלעכקייט האָט ביים העלן פֿלאַקער פֿון אויפֿגעוואַכטער פּראָלעטאַרישער טאַט אומעטום דערזען בלויז דעם רוקן פֿון איינצלנע און גרופּן, וואָס האָבן פּחדניש זיך אַרויסגעגנבעט פֿונם „צו־ענגען”, אין טראַגישע קאָנפֿליקטן צענויפֿגעקנוילטן, יידישן געטאָ. זיי האָט נישט געשמעקט די „קליינלעכקייט” פֿון דער ספּעציפֿישער אַרבעט אויף דער יידישער גאַס, זיי האָט געצויגן צו די ווייטע אויסגעשפּרייטע פֿעלדער פֿון פּאָליטישער טעטיקייט אין דער „אַלגעמיינער” גאַס, זיי האָבן געגאַרט נאָך די באַלדיקע „ממשותדיקע” פּירות פֿון דעם קאַמף און ס'האָט זיי געשמייכלט די „צענויפֿגיסונג” און „פֿאַר־

שמעלצונג״ מיטן „אלוועלטלעכן״ פראָלעטאַריאַט. ווי די רעליגיעזע משומדים פון אַלטע צייטן, וואָס האָבן געוואָלט אויף אזא לאחרים׳דיקן, אינדיווידועלן אופן פטרן דעם יידישן הויקער, אַראָפּוואַרפן די „געלע לאַטע״ פון דער פלייצע און פריי ווערן פון די ספּעציפישע יידישע צרות און גזירות, — האָבן זיך די מאָדערנע פּאָליטישע משומדים אויך געקליגלט אויף אזא אופן ליקווידירן דאָס יידישע פּראָבלעם, זיך באַפרייען פון די ספּעציפישע יידישע באַדערפענישן און עפענען כלומרשט פאַרן גאַנצן יידישן פּראָלעטאַריאַט דעם וועג צום אינטערנאַציאָנאַל.

די טענדענצן פון דער נייער צייט האָבן, א דאַנק סאָציאַלער פשרה און בגידה, נישט באַוויזן זיך אינגאַנצן צו אַנטפּלעקן און די בורזשואַזיע וואָס איינצופעסטיקן זיך צוריק אין די פּאָזיציעס, פון וועלכע מ׳האָט זי אין א סאַך ערטער שוין אַרויסגעקלאַפּט. אויך די יידישע בורזשואַזיע און קלער האָבן צוריק אויפגעהויבן דעם קאָפּ און איצט זוכן זיי מיט פאַרשטאַרקטע כחות און פאַרגרעסערטע אַפּעטיטן צו פאַרשפּרייטן זייער קלאַסן-העגעמאָניע איבער די האַרע-פּאַשנע מאַסן. אַלס שפּיז פאַר זייער אַגיטאַציע און הערשאַפטס-תשוקות גילט דער פאַרגרעסער-טער יידישער חורבן, דער פּיין און ווי פון נייע הונדערטער טויזנטער פאַראומגליקטע און עקאָנאָמיש רואינירטע, די געשטייגערטע נויטווענדיקייט אין אַן אָפּוועג און אויסוועג.

די יידישע אַרבעטער באַוועגונג איז נאָך קיינמאָל נישט געשטאַנען פאַר אזא קריזיס, ווי איצט. די גרויסע שטורם-ווינטן האָבן געוואָלט עוקר מן השורש זיין דעם בירגערלעכן תקיף און צדיקישן יחסן, מאַכן א סוף צו די כלל-ישראל׳ מזמונות און פאַרפעסטיקן די השפעה און שליטה פון דער אַרבעטערשאַפט אויף אַלע געביטן פון יידישער געזעלשאַפטלעכקייט. די יידישע אַר-בעטערשאַפט האָט געוואָלט אויסטרעטן אַלס אָרגאַניזירטער אַלוועלטלעכער קאָלעקטיוו, געשטיצט אויף זעלבסטאַקטיוויטעט, באַוואָפנט מיט א מאַרקסיסטישער פּאָזיטיווער שטעלונג צו אַלע איי-גענע ספּעציפישע פּראָבלעמען און דורכגעדרונגען מיטן פעסטן באַוואוסטזיין פון איר היסטאָרי-שער אחריות פאַרן גורל פון דער רעוואָלוציע אין יידישן לעבן.

מען מוז אָבער מודה זיין, אַז דוקא איצט איז געשטייגערט אַן א שיעור די תקיפות פונם יידישן פּאַסקאַרזש און שפּעקולאַנט, און מיט אַן אויטערסטער האַפערדיקייט און פּערריסנקייט פייערן זייער אָרגיע די עקספּלואַטאַטאָרן פון „גאָאָנגאַלער אחרות״ און שלומאַקישע פּאָליטיק-מאַכערס. דאָך רופט עס נישט אַרויס דעם עקשנותדיקן ווידערשטאַנד מצדן יידישן אַרבעטער-קאָלעקטיוו, ווייל אויך פאַר דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג זענען אָנגעקומען ערנסטע גרויזאַמע צייטן. ס׳גייט דער האַנדל מיט אידעאַלן און פּאָליטישע איבערצייגונגען. א ווילדער בוים נאָך לייכטע באַקוועמע אידעען און ציניש ליגיטאַציע אין פּאַרטיי און הפקרות בנוגע די גלויבנסטע באַדערפענישן פון יידישן פּראָלעטאַריאַט. אָפּגעלאָזנקייט און אַפּאַטיע ביי גרויסע טיילן פון דער מאַסע, מאָראַלישע ירידה און דעמאָראַליזאַציע ביי א סאַך פון די „פירער לויט באַשטעלונג״, וואָס שפּרינגען מדחי אל דחי, וואו גרעסער, באַקוועמער, וואו ס׳איז דאָ א מעגלעכקייט זיך „אַרויס-צואַרבעטן״.

ווייטער אַזוי טאָר עס נישט דויערן. ס׳איז די העכסטע צייט אַרויסצופירן די באַוועגונג פון איר טעמפּן ווינקל און לאָזן זי ווידער אויפן ברייטן שליאַך פון היסטאָרישן פּראָלעטאַרישן קאַמף. אין אמתן איז נישטאָ קיין אָרט פאַר אַפּהענטיקייט און יאוש. קיינמאָל, ווי גראָד איצט, האָט זיך נישט געפילט אַזוי פיינלעך און שמערצלעך די יידישע אָפּגעריסנקייט פון די אור-קוואַלן פון פּראָדוקציע, די באַדנלאָזיקייט, די פּלאָג פון לופט פּרנסות און די פאַטאַלע אונטער-וואָרפנקייט פון דער „יידישער״ אינדוסטריע צו די כל-ערליי עקאָנאָמישע דערשיטערונגען אין

אַלגעמיינעם ווירטשאַפטלעכן לעבן; קיינמאָל, ווי גראָד ביים נעפריל און רויש פון היסטאָרישן קלאַסן-קאַמף פון וועלט-פראָלעטאַריאַט, איז נישט געווען אַזוי קענטיק דער מהלך צווישן רעוואָ-לוציאָנערן באַוואוסטזיין ביים יידישן אַרבעטער-קלאַס און זיין פאַקטישן פּאָליטישן פוח.

דערפאַר אָבער ווערן איצט פון אַלעמען אונטערגעכאַפט, בפרהסיא, צי בשתיקה, די לאַנג-אָנגענדיקע לאָזונגען וועגן פּראָדוקטיוויזירן די יידישע מאַסן, צופירן זיי צו ערד-אַרבעט און אויף אַזא אופן אומשיכטן די יידישע נאַציע. אונטער פאַרשידענע נעמען, אויף פאַרשידענע דרכים דרינגען אַריין די דאָזיקע לאָזונגען אין באַוואוסטזיין פון דער יידישער אַרבעטער געזעלשאַפטלעכקייט, ציען-צו די קאָלעקטיווע אויפמערקזאַמקייט און גרייטן-צו אַ באָדן פאַר דער קאָלעקטיווער אָנשטרענגונג צו זייער פאַרווירקלעכונג.

אין דעם פרט קריגט אַן אויסערסטע באַדייטונג דער וואַקסנדער יידישער ישוב אין פּאַלעסטינע, וואָס איז לויט זיין ווירטשאַפטלעכן מהות שוין היינט אַנדערש, ווי די איבעריקע יידישע מאַסן-יישובים און וואָס לויט זיין אייגנאַרטיקן פּראָדוקציאָנס-עצם שפּייזט ער דעם גלויבן און קרעפטיגט די איבערצייגונג אין דער מעגלעכקייט ראַדיקאַל צו לייזן דאָס אייגנאַרטיקע יידישע אַרבעטער-פּראָבלעם. די „יידישע" ווירטשאַפט איז דאָ נישט מער אָפּהענגיק אין איר אַנטוויקלונג פון דער מערהייטס-נאַציע, נישט באַגרעניצט אין אירע געביטן, שעפּט איר זאַפט פון דער אור-פּראָדוקציע און לעגט זיך דורך אַ וועג צו די העכערע מדרגות פון אַרבעט. דאָס וויכטיקסטע דערביי איז, וואָס אַ דאַנק זייערע עקאָנאָמישע פונקציעס געפינען זיך די יידישע אַרבעטער אין צענטער פון גאַנצן לעבן, לעגן אויף אים אַרויף זייער הויכע אויך געזעלשאַפטלעכע, קולטורעלע. זיי זענען עס דער יסוד פון דער נייער ווירטשאַפט, די גאַראַנטיע פון אירע העכערע פאָרמען, די טרעגער פון איר וואוקס און אַנטוויקלונג.

מיט אַ פּאָר יאָר צוריק וויניקער 3000, האָבן די יידישע אַרבעטער אין פּאַלעסטינע געציילט מיט עטלעכע חדשים צוריק קנאַפּע 17,000; היינט צו טאָג שטעלן זיי מיט זיך פאָר אַ קאָלעקטיוו פון איבער 20,000. די צאָל מערט זיך מיט יעדן חודש, מיט יעדער וואָך. איר באַדייטונג שטייגט אויך כסדר אין איכות. שטייגט ממילא אויך איר פאַקטישער פּאָליטישער כח, איר געזעלשאַפטלעכער ווערט.

דערמיט געווינט די יידישע אַרבעטערשאַפט נישט סתם נאָך אַן אַרבעט-פּלאַץ, נאָך אַ פּאָזיציע, אַ שטיץ-פונקט פאַרן קאַמף אינעם באַשטימטן לאַנד, נאָר אויך אַן אויסזיכט, אַ פּערספּעקטיוו פאַר דער אַרבעט און קאַמף, וואָס זי פירט אומעטום, אין אַלע לענדער פון יידישן מאַסן-יישוב.

אַ דאַנק פּאַלעסטינע, וואַקסן-אויס פאַרן יידישן פּראָלעטאַריאַט, אַלס גאַנצן, נייע אויפגאַבן פון גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער, לויט זייער עצם און היסטאָרישן ווערט.

אין די פאַרשידנסטע לענדער פון יידישן מאַסן-לעבן האָט די יידישע אַרבעטערשאַפט ענלעכע קאַמפס-אויפגאַבן, אויף וויפל די יידישע מאַסן געפינען זיך אומעטום אין ענלעכע לעבנס-באַדינגונגען, זוכן צו באַפרידיקן אומעטום ענלעכע באַדערפעלנישן און האָבן צו באַקעמפן איבעראַל ענלעכע מניעות. די דאָזיקע ענלעכקייט פון די באַדערפעלנישן און אויפגאַבן שאַפט אַ באָדן פאַר קעגנזייטיקער חברישער שטיצע און הילף. ס'איז שטיצע פון איין טייל פאַרן צווייטן, הילף פון איין מחנה פאַר דער אַנדערער.

מיטן אויפשטייג פון יידישן אַרבעטער-ישוב אין פּאַלעסטינע קומט אָבער אויף אַן אויפגאַבע, וואָס איז אַ געמיינזאַמע פאַר אַלע חלקים פון יידישן אַרבעטער-קאָלעקטיוו. דער

אַרבעטער צענטער אין פּאַלעסטינע האָט אָביעקטיוו דאָס ציל צו פֿאַרענטפֿערן דאָס פּראָבלעם פֿון טעריטאָריאַלער קאָנצענטראַציע, אין וואָס זיי אַלע זענען גלייך פֿאַראינטערעסירט. און דער עיקר — דער וואוקס און די אנטוויקלונג פֿון אַט דעם צענטער איז אויסגערעכנט נישט סתם אויף הילף, נאָר בפֿירוש אויף דעם דירעקטן אָנטייל און מיטשאַפֿן פֿון די אַלע צעוואָרפֿענע טיילן.

איז דאָ אַן אויפֿגאַבע אַ געמיינזאַמע און דעריבער א צענטראַלע. פּאַלעסטינע זאַמלט־צונויף און קאָנצענטרירט אין אַ באַשטימטן קאָנקרעטן פּונקט די קאָלעקטיווע שאַפֿונגס־ענערגיע פֿון דער יידישער אַרבעטערשאַפֿט און וויל אויף אַזאַ אופֿן פֿאַרגרעסערן און ווערטפֿולער מאַכן דעם כּח פֿון דעם קאָלעקטיוו אין יעדן איינציקן לאַנד באַזונדער.

אַזוי קייטלען זיך צונויף די פֿאַרשידענע רינגען פֿון פֿאַראיינצלטן סעפּאַרירטן ראַנגלען זיך דאָ און דאָרט און ס'ווערט אויסגעקריסטאַליזירט די איינהייטלעכע קאַמפּס־שיטה פֿונם אַלוועלטלעכן יידישן פּראָלעטאַרישן קאָלעקטיוו.

פּאַלעסטיניזם איז איר נאָמען.

דער פּאַלעסטיניזם ווייס נישט בלויז פֿון איינצלנע גרופּן, נאָר פֿון גאַנצן קלאַס. ער באַנוגנט זיך נישט מיט דער באַפֿרידיקונג פֿון לאָקאַלע און צייטווייליקע באַדערפֿענישן, נאָר נעמט אויף דעם היסטאָרישן קאַמף פֿונם אַלוועלטלעכן יידישן אַרבעטער־כּלל. ער באַרויקט זיך נישט־אויף סימפּאַטיעס מצד איינציקע טיילן, נאָר פֿאָדערט און נעמט אין חשבון די אַקטיווע שעפֿערישע טאַט פֿון גאַנצן קאָלעקטיוו. ער האָט אין זינען דעם כּלל און ווענדעט זיך צו יעדן יחיד. ער גלויבט אין דער הילף פֿון אַלוועלטלעכן פּראָלעטאַריאַט, אָריענטירט זיך אויף זיין אונטערשטיצונג, — זיין אָנשפּאַר און יסוד איז אָבער די אָרגאַניזירטע מאַסן־זעלבסטטעטיקייט פֿון יידישן פּראָלעטאַריאַט.

פֿאַרן יידישן אַרבעטער־קאָלעקטיוו איז, בכן, פֿאַראַן דער זיכערער וועג פֿון אַרבעט און קאַמף סיי אין די לענדער פֿון די יידישע מאַסן־ישובים, סיי אין פּאַלעסטינע. דער וועג, אויף וועלכן ס'גייען סטיכיש די יידישע מאַסן, וואו ס'מוז אָבער צוקומען דער אָרגאַניזירנדער באַוואוסטזיין און ווילן פֿונם קלאַסן־רייפֿן פּראָלעטאַרישן אַוואַנגאַרד.

נישט אין עק, נאָר בראש פֿון די מאַסן, נישט לאחר המעשה. נאָר נעמען אויף זיך די איניציאַטיוו פֿון דער אַקטיווער טאַט. אריינברענגען די באַגייסטערונג פֿון גרויסן פּראָלעטאַרישן אידעאַל, מאָביליזירן די התלהבות און קאַמפּס־פֿעיקייט פֿון אָרגאַניזירטן אַרבעטער־כּלל.

דער פּאַלעסטיניזם רופֿט. געשפּייזט פֿון נויט און פּיין, גענערט פֿון דעם אימפּעט פֿון יידישן אַרבעטער־לעבן און פֿונם פּאַטאָס פֿון יידישן פּראָלעטאַרישן קאַמף, געקרעפֿטיקט דורך די עזות פֿון דער יידישער בורזשואַזיע און פֿון די ניצחונות פֿון דער אַקטיווער יידישער אַרבעטערשאַפֿט, — רופֿט דער פּאַלעסטיניזם אין זיינע רייען די אַלע, וואָס זענען פּאָליטיש רייף, וואָס זענען אָרגאַניש ווייט פֿון פּשרה און בגידה, וואָס באַהאַלטן נישט אייגענע פּחדנות אונטערן שלייער פֿון פֿרעמדער גבורה, וואָס ווילן זיך נישט אַרויסמאַכן פֿונם יידישן פּראָבלעם, נאָר אים פֿאַרענטפֿערן דורך אַ גרויסער פּראָלעטאַרישער טאַט אויפֿן גאַנצן פֿראָנט פֿון יידישן לעבן.

ס'איז דער וועג, וואָס פֿירט אין די ענגסטע קעמערלעך פֿון יידישן געטאָ, אין די פֿאַרלעגענסטע געסלעך פֿון יידישן עלנט; ס'איז אָבער אויך דער וועג, וואָס פֿירט צו דער מאַסן־זעלבסטטעטיקייט און דעקט־אויף דעם שפּייכלער פֿון פֿאַרבאָרגענע שלומערנדע קאָלעקטיווע כּחות. ס'איז דער וועג פֿון יידישן אַרבעטער־כּלל. ווער עס וויל קומען צום יידישן פּראָלעטאַריאַט, מוז גיין מיטן דאָזיקן וועג; ווער עס וויל פֿירן דעם יידישן אַרבעטער־קלאַס, — דער קאָן זיך פֿון אַט דעם וועג נישט אָפּקערן.

א. כאַשין / צום מהות פון פּאַלעסטיניזם

ווען מען בלעטערט דורך דעם גאַנצן מאַטעריאַל פון דעם גרויסן היסטאָרישן וויכוח אין אונזער יידישן וועלט וועגן די פראַגן פון עמיגראַציע און קאָלאָניזאַציע, איז צו שטוינען, ווי וועלט-פרעמד און אָפּגעריסן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער דערפאַרונג מען האָט ביי אונז דעם גאַנצן ענין באַטראַכט. „בונד" האָט געשאָסן פון פוסטע קאַנאָנען מיט דער אַלגעמיינער פראַזע איבער בורזשואַזער קאָלאָניאַל-פּאָליטיק און פועלי-ציון האָבן זיך געפּלאָנטערט אין קאָלאָניזאַ-טאָרישע פּראָיעקט-מאַכעריי.

דער פרוכטבאַרער וויכוח אין די רייען פון אינטערנאַציאָנאַל מכח קאָלאָניאַל-פּאָליטיק און קאָלאָניזאַציע איז כמעט פאַרזעען געוואָרן פון ביידע צדדים.

די קעגנער האָבן אויך אַן עם-הארצישן אופן פאַרמישט די באַגריפן פון קאָלאָניאַל-פּאָ-ליטיק און קאָלאָניזאַציע; אָבער אויך די פועלי-ציון האָבן ביז אַהער נישט באַוויזן אַריינצופירן די גענויע דעפיניציע וועגן פאַרשידענע טיפּן פון דער קאָלאָניזאַציע. אַפילו די הויפּט-פאָרמולע „טעריטאָריאַלע קאָנצענטראַציע" איז נאָך נישט גענוי און קלאָר פאָרמולירט געוואָרן. דער צו-זאַמענהאַנג פון די פאַרשידענע עקאָנאָמישע טענדענצן אין דעם יידישן לעבן איז נישט פעסט-געשטעלט געוואָרן. שוין אָפּגערעדט דערפון, אַז ס'איז נישט געווען קיין ערנסטער פרואוו אויס-צוגעפינען דעם צוזאַמענהאַנג פון די דאָזיקע טענדענצן מיט די ענלעכע אַלגעמיינע דערשיינונגען פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג.

דאָס האָט אין זייער אַ גרויסער מאָס גורם געווען צו דעם פּלאָנטער, וואָס הערשט אַרום דער דאָזיקער פראַגע.

דער „בונד" האָט, צוליבן כעס אויף קאָלאָניאַל-פּאָליטיק, געלייקנט אין קאָלאָניזאַציע; די רעכטע פועלי-ציון זענען, פון צופיל התמדה אין קאָלאָניזאַציע, געקומען צו קאָלאָניאַל-פּאָליטיק. דער „בונד" האָט איגנאָרירט עמיגראַציע, די ס. ס. האָבן עס קולטיווירט. ביי באָראָכאָוון געפינען מיר אַ ריכטיקע וויסנשאַפטלעכע אויפפאַסונג פון דעם עמיגראַציע-פּראָבלעם; אָבער אויך ביי אים פעלט דער סאָציאַל-עקאָנאָמישער אַנאַליז פונם קאָלאָניזאַציאָנס פּראָבלעם, ווי בכלל דער צוזאַמענהאַנג פון טעריטאָריאַליזם מיט די אַלגעמיינע טענדענצן פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג.

לאָמיר פרובן אָנצוצייכענען עס אין אַלגעמיינע שטריכן.

וואָס איז אַזוינס טעריטאָריאַליזם?

די סתירה צווישן דער אַנטוויקלונג פון די יידישע פּראָדוקטיוו-קרעפטן און דער פּראָ-דוקציאָנעלער באַזע האָט אַרויסגערופן די באַדערפעניש אין אומשיכטונג, ד.ה. אין איבערגיין צו אַנדערע העכערע צווייגן פון פּראָדוקציע. די דאָזיקע באַדערפעניש האָט געפירט צו אויס-וואַנדערונג. די אויסוואַנדערונג אָבער איז ווידער אַריינגעפאַלן אין אַ סתירה מיט זיך אַליין: זי האָט נאָר פאַרברייטערט די אַלטע פּראָדוקציאָנס-צווייגן, די פריערדיקע איינאָר-טיקע פּראָדוקציאָנעלע באַזע פון די יידישע פּראָדוקטיוו-כוחות, אָבער נישט אַריבערגעפירט זיי אין העכערע פּראָדוקציאָנס-צווייגן.

די טענדענץ צו אומשיכטונג און צו קאָנצענטראַציע פאַלן אויף אַזאַ אופן אַריין אין אַ סתירה.

די צוויי פּראָצעסן פון יידישן עקאָנאָמישן לעבן, די דעצענטראַליזאַציע און קאָנצענטראַציע,

האָבן געפֿונען זייער אויסדרוק פֿון איין זייט אין אַסימילאַציע (פֿון דער גרויס בורזשואַזיע און אַ טייל פֿון קוואַליפֿיצירטע אַרבעטער) און פֿון דער אַנדערער זייט — אין געאָגראַפֿישע צעשפּרייטקייט, אין פּאַליצענטריזם.

דאָסזעלבע, וואָס קומט פֿאָר מיט דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פֿון די יידישע מאַסן-ישובים אין די ראַמען פֿון איין לאַנד — קומט פֿאָר אין אַ גרעסער־ער מאָס מיט דער גאַנצער יידישער אַנטוויקלונג אין אַלוועלטלעכן מאַסשטאַב.

די באַדערפֿעניש אין אומשיכטונג ווערט באַפֿרידיקט אינם לאַנד גופֿא טיילווייז דורך אַסימילאַציע און אין אַלוועלטלעכן מאַסשטאַב — דורך דעצענטראַליזאַציע.

די דאָזיקע צוויי וועגן קאָנען אָבער בשום אופֿן נישט באַפֿרידיקן די מאַסן-באַדערפֿעניש אין פּראָדוקציאָנעלער אומשיכטונג. זיי דעמאָנסטרירן נאָר די נויטווענדיקייט אין אומשיכטונג. דער וועג פֿון אַסימילאַציע אויף די איינגעזעסענע ערטער פֿירט נישט די מאַסן צום איבערגאַנג אין נייע פּראָדוקציאָנס-צווייגן צוליב דעם, ווייל דער סטיכייאישער, נישט אָרגאַניזירטער וועג פֿון לייכטן ווידערשטאַנד איז דאָס פֿאַרבלייבן ביי די אַלטע בארופֿן — דאָס פּראָדוצירן אין יענע צווייגן, צו וועלכע די מאַסן האָבן זיך שוין היסטאָריש צוגעפּאַסט*).

די דאָזיקע אומשיכטונג קאָן פֿאָרקומען נאָר אויף אַן אָרגאַניזירטן קאָלעקטיוון אופֿן, ד.ה. נאַציאָנאַל. די אַלע פֿאַרזוכן פֿון י. ק. אַ. און אַנדערע יידישע בורזשואַזע פֿילאַנטראָפּישע געזעלשאַפֿטן צו לייזן דאָס אומשיכטונג פּראָבלעם „לאחדים”, צעשטויבט, פּריוואַט, האָבן באַנקראָטירט. דער אומשיכטונג-פּראָצעס פֿאָדערט גרויסע הוצאות הן פֿון סאָציאַלער ענערגיע, ווי אויך פֿינאַנציעלער. דערצו מוז מען האָבן קאָלעקטיווע פֿאָנדן, וואו עס זאָלן זיך אָנזאַמלען ענערגיע און מיטלען, ס'מוז זיין אַ קיבוץ, אַ גאַנצער קאָלעקטיוו, וואָס זאָל זיין אימשטאַנד די נייטיקע כוחות און מיטלען אָנצוזאַמלען — ד. ה. ס'מוז זיין קאָנצענטרירט און נישט צעשפּרייט, נאַציאָנאַל און נישט אַסימילאַטאָריש.

די נאַציאָנאַלע קאָנצענטראַציע פֿון די יידישע מאַסן אין געוויסע באַגרענעצטע פּראָדוקציאָנס-צווייגן איז נישט אָפּגעשאַפֿט געוואָרן דורך דער עמיגראַציע, נאָר, אין קעגנטייל, נאָך אין אַ גרעסערער מאָס פֿאַרשטאַרקט געוואָרן. דער נייער יידישער צענטער אין אַמעריקע, איז בילדע, אַ קאָמפּאַקטערער, ווי די פֿריערדיקע יידישע ישובים. דיזעלבע נאַציאָנאַלע קאָנצענטראַציע, וואָס האָט געשטערט דער אומשיכטונג אין די לענדער פֿון דער יידישער עמיגראַציע, האָט אויך געשטערט אין די לענדער פֿון אימיגראַציע.

די צוויי גרונט-באַדערפֿענישן פֿון יידישן עקאָנאָמישן לעבן אין פּראָדוקטיוויזירונג און אומשיכטונג זענען אַריינגעפֿאַלן אין אַ סתירה איינע מיט דער אַנדערער. די באַדערפֿעניש פֿון פּראָדוקטיוויזירן, וואָס איז געלעזט געוואָרן אינטענסיוו, דורכן איבערגיין אין אַנדערע גייע צענטרען, האָט געשטערט דעם פּראָצעס פֿון אומשיכטונג. און די צוויי טענדענצן פֿון קאָנצענטראַציע און אומשיכטונג זענען זיך פֿונאַנדערגאַנגען אין פֿאַרשידענע קעגנזעצלעכע וועגן. נישט די אַסימילאַציע און נישט די דעצענטראַלירטע קאָנצענטראַציע (פּאָליצענטריזם) זענען בכח צו לייזן דאָס אומשיכטונג-פּראָבלעם. די אומשיכטונג קאָן פֿאָרקומען נאָר אין אַזאַ לאַנד, וואו די יידישע איינוואַנדערנדע מאַסן דאַרפֿן נישט אַריינדרינגען אין די שוין עקזיסטירנדע פּראָדוקציע,

---

*) זע גענויער וועגן דעם: עקאָנאָמישע פּראָבלעמען אין דער איבערגאַנגס-צייט, אַ. באַשין און ז. אַוערבוך.

נאָר ערשט אויסבויען זי; מיט אַנדערע ווערטער — נישט דורך עמיגראַציע, נאָר דורך קאָלאָניזאַציע.

טעריטאָריאַליזם הייסט, אַלזאָ, די פאַרייניקונג פון די ביז-איצטיקע ווידערשפּרוכלעכע פּראָצעסן פון דער אומשיכטונג און קאָנצענטראַציע.

באַזונדער שאַרף שטייט איצט די פראַגע פון אומשיכטונג. פריער איז זי פאַרדרוקט געוואָרן אָן אַ זייט דורך דער גרויסער מאַסן-עמיגראַציע. דורך דעם פּראָדוקטיוויזירונג-פּראָצעס. איצט, אָבער, ווען די אימיגראַציע האָט זיך אָפּגעשטעלט, איז מיט דער גאַנצער שאַרפקייט אַרויפגעשוואומען די פראַגע פון אומשיכטונג, אָדער מיט אַנדערע ווערטער, די פראַגע פון קאָנצענטרירטער קאָלאָניזאַציע.

ביי הײַנטיקן טאָג איז איבעריק צו באַווײַזן, ווי אוטאָפּיסטיש עס איז צו שטעלן די פראַגע, וואו זאָל די דאָזיקע קאָנצענטרירטע קאָלאָניזאַציע געשאַפן ווערן. וועלכן לאַנד זאָל מען דערפאַר אָפּזוכן? נישט נאָר די יידישע מאַטעריעל אָרימע געזעלשאַפט איז נישט בכוח אויף אַ געקינצלטן אופן לענקן די עמיגראַציע פון די יידישע מאַסן און קאָלאָניזירן זיי, נאָר אויך גרעסערע און שטאַרקערע קאָלעקטיוון האַלטן דאָס נישט בכוח געוועזן אַדורכצופירן. פון אַ געקינצלטן, דורך רעזאָלוציעס און פּראָיעקטן געשאַפענעם, „יידן-שטאַט" קאָן איצט קיין רייד נישט זײַן.

די פראַגע דאַרף, אַלזאָ, אַנדערש געשטעלט ווערן: אין וועלכע פון די אַלע אַלטע יידישע צענטרן פון עמיגראַציע קאָן פאָרקומען די קאָנצענטרירטע קאָלאָניזאַציע.

אום צו ענטפערן אויף אָט דער פראַגע, איז נייטיק צו ענטפערן אויף די פאָלגנדע צוויי פראַגן: 1) אין וועלכן פון די אַלע אַלטע עמיגראַציאָנס-צענטרן, וואו אַהין עס גייט די יידישע אויסוואַנדערונג, פאַרגרעסערט זיך די צאָל פון אײַנוואַנדערנדע, 2) אין וועלכע פון די אַלע ביז איצטיקע עמיגראַציאָנס-צענטרן נעמט-אָן דאָס יידישע עקאָנאָמישע לעבן אַ כאַראַקטער פון קאָלאָניזאַציע, ד. ה. אַז נישט נאָר עס קומט פאָר די פּראָדוקטיוויזירונג אין די זעלבע פּראָדוקציאָנס-צווייגן, ווי אין די פריערדיקע, נאָר אויך די אומשיכטונג, דער איבערגאַנג אין נייע פּראָדוקציאָנס-צווייגן?

עס איז אַ באַקאַנטע זאַך, אַז אין אַלע די פריערדיקע צענטערן פון מאַסן-אימיגראַציע האָט זיך די אײַנוואַנדערונג אָפּגעשטעלט. דאָס איינציקע לאַנד, וואו פאַר דער גאַנצער נאָך מלחמה-צייט איז די עמיגראַציע געשטיגן — איז פּאַלעסטינע. אויב פאַר דער מלחמה האָט אויסגעמאַכט די צאָל פון אײַנוואַנדערנדע אין פּאַלעסטינע עטלעכע הונדערט, מאַכט עס יעצט אויס טויזנט און אָפט מער ווי טויזנט אַ מאָנאַט. 2) פּאַלעסטינע איז דאָס איינציקע לאַנד צווישן די אַלע אַלטע עמיגראַציאָנס-צענטרען, וואו די יידישע אײַנוואַנדערונג בויט ערשט אויס די פּראָדוקציע פונעם לאַנד. דאָרט קומט פאָר פאַרהעלטניש-מעסיק נישט נאָר די פּראָדוקטיוויזירונג, נאָר אויך די אומשיכטונג פון די יידישע מאַסן, דאָס אַרײַנדרינגען אין דער אַגראַר-פּראָדוקציע, אין אײַזנבאַנען און אַלע אַנדערע צווייגן פון דער פּראָדוקציע, וואָס זענען דאָרט פאַראַן.

פּאַלעסטינע איז, בכן, דאָס לאַנד, פון אַלע אַנדערע עמיגראַציאָנס-צענטרן, וואו ס'דאַרף פאָרקומען די פאַרייניקונג פון דעם אומשיכטונג- און קאָנצענטרירונגס-פּראָצעס, ד. ה. די טעריטאָריאַלע קאָנצענטראַציע פון די יידישע מאַסן.

ניר / די שפּראַך פֿון ציפֿערן

אין אונזער באַוועגונג איז געווען אַמאָל אַ צייט, ווען כמעט יעדער איינציקער חבר האָט געהאַט זיין אָריגינעלע אייגנאַרטיקע באַגרינדונג פֿונם פּאַלעסטיניזם אין יידישן אַרבעטער פּראָגראַם. די צייט, ווען עס איז נאָך נישט געווען קיין געשריבענער פּראָגראַם פֿון דער פּאַרטיי און זי גופֿא איז נאָך אייגנטלעך נישט געווען פֿאַראייניקט, נאָר צעוואָרפֿן אין שטעט און שטעטלעך אין באַזונדערע אָפּגעגרעניצטע אָרגאַניזאַציעס. די דאָזיקע צייט איז כמעט אין גאַנצן צונויפֿגעפֿאַלן מיט דער תקופֿה פֿונם אוגאַנדע-פּראָיעקט, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף דער אויסבילדונג פֿון דער פּראָלעטאַריש-ציוניסטישער אידעאָלאָגיע. דער קאַמף פֿון די אויגערופֿענע סאָציאַליסטן-טעריטאָריאַליסטן קעגן פּאַלעסטינע האָט געצוואונגען די „אָרטאָדאָקסאַלע" פּועלי-ציון, יעדן לויט זיינע פֿעיקייטן און ידיעות, צו באַגרינדן, פֿאַרוואָס פּאַלעסטינע איז די איינציקע טעריטאָריע, וואו עס מוז רעאַליזירט ווערן דער יידישער אַרבעטער-צענטר.

ענדלעך האָבן זיך אין דער פּועלי-ציון באַוועגונג אויסגעקריסטאַליזירט צוויי כמעט קעגנזעצלעכע באַגרינדונגען. די אויגערופֿענע „פּרינציפּיעלע", וועלכע האָט אָנערקענט אינם היסטאָרישן פּראָצעס אויך די באַדייטונג פֿונם אידעאָלאָגישן פֿאַקטאָר, דערקלערנדיק אים ריין מאַרקסיסטיש, און די אויגערופֿענע „פּראַקטישע", וואָס האָט געזען אין פּאַלעסטינע די פּראַקטיש צוגענגלעכסטע און צוגעפּאַסטע לאַנד. ערשט באָראָכאָוו האָט שפּעטער געגעבן אין „אונזער פּלאַטפֿאָרם" דעם סינטעז פֿון די דאָזיקע צוויי באַגרינדונגען — דעם אַזוי גערופֿענעם פּראָגנאָסטישן פּאַלעסטיניזם.

צו יענער צייט האָט עס אַנדערש נישט געקענט זיין. — אַ פּאַרטיי, וואָס וויל אויסקעמפֿן, ערשבערן אַ באַשטימטן אָרט ביי די מאַסן, מוז קומען באַוואָפֿנט מיט אַ לאָגיש באַגרינדעטער און אויסגעהאַלטענער אָנשויאונג. איר טעאָריע מוז זיין פֿאַרבראָנירט פֿון אַלע זייטן. די פּועלי-ציון האָבן פֿאָרויסגעזען, אַז פּאַלעסטינע וועט מיט דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג ווערן אַ רעאַלער פֿאַקטאָר אין לעבן און קאַמף פֿון יידישן אַרבעטער; זיי האָבן דאָס געמוזט באַווייזן, „באַגרינדן". אין דער איצטיקער היסטאָרישער צייט האַלטן מיר אַוועלכע חקירות פֿאַר לכל הפּחות איבעריק. דאָס הייסט כלל נישט, אַז די טעאָריעס, אָדער אַ טייל פֿון זיי האָבן פֿאַרלוירן זייער ווערט און ריכטיקייט. דאָס באַדייט נאָר, אַז פֿריער זענען זיי, די טעאָריעס, געווען אַ מאָמענט פֿון דער געגנוואַרט. זיי האָבן זי געדאַרפֿט אָנפֿילן. איצט ווען פּאַלעסטינע, צי מען וויל, צי נישט, איז שוין געוואָרן אַ רעאַלער פֿאַקטאָר, זענען די טעאָריעס אוועק ממילא אין פֿאַרגאַנגנהייט. מיט איין וואָרט, די טעאָריעס זענען געווען דער הווה, ווען פּאַלעסטינע איז געווען דער עתיד; אָבער פּאַלעסטינע געוואָרן דער הווה, — זענען די טעאָריעס געוואָרן דער עבר.

און אַז פּאַלעסטינע איז שוין געוואָרן אַ רעאַלער פֿאַקטאָר אין לעבן פֿון יידישן אַרבעטער באַווייזן אונז אַ ריי פֿאַרגלייכנדיקע ציפֿערן — קודם כל, איין ציפֿער און די וויכטיגסטע. לויט די סטאַטיסטישע מאַטעריאַלן פֿון וואַרשע אַרויסגעגעבן דורכן ד. ד. ק., זענען געווען אין וואַרשע אין סעזאָן 1921 — 23.826 אינדוסטריעלע לוין-אַרבעטער יידן. אמת, די מאַטעריאַלן גיבן אונז נישט אָן די אַלגעמיינע צאָל פֿון יידן אין וואַרשע. אָבער לויט אַלטע ציפֿער ציילט וואַרשע אַ דריטל יידישע באַפֿעלקערונג. נעמענדיק זייער באַשיידן די צאָל פֿון יידן אין 1921 אין וואַרשע פֿון אַ 330 טויזנ

(די פֿאַקטישע צאָל איז אָן אַ ספֿק אַ סך גרעסער), באַקומען מיר, אַז אין וואַרשע שטעלן זיך פֿאַר די אינדוסטריעלע אַרבעטער יידן נאָר 7,22 פּראָצ. פֿון דער גאַנצער יידישער באַפֿעלקערונג. דערביי דאַרף מען נישט פֿאַרגעסן, אַז וואַרשע איז איינער פֿון די 3—4 אינדוסטריעלסטע צענטרן אין פּוילן (לאָדזש, ביאַליסטאָק), און דעריבער קען מען מיט זיכערהייט רעכענען, אַז דער אַלגעמיינער פּראָצענט פֿון אינדוסטריעלע אַרבעטער יידן אין פֿאַרהעלטניש צו דער גאַנצער יידישער באַפֿעלקערונג אין פּוילן איז געוויס נישט גרעסער, אויב נישט קלענער. מיר האָבן למשל, לויט די אָפֿיציעלע דאַטעס פֿון אַרבעטס-מיניסטעריום, אמת גאַנץ אומגענויע, די ציפֿער פֿון 95 טויזנט יידישע אַרבעטער, וואָס זענען געווען אָרגאַניזירט אין פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַריינען אין יאָר 1919. ווען מיר פֿאַרגרעסערן די דאָזיקע צאָל *אַפֿילו אין אָנדערטהאַלבן* מאָל און ווען מיר נעמען אפֿילו נישט אין אַכט, אַז אין דער צאָל גייען שוין אויך אַריין האַנדלס-אָנגעשטעלטע, וועלכע זענען שוין געווען דאַן פּראָפֿעסיאָנעל אָרגאַניזירט, וועלן מיר באַקומען אַ צאָל פֿון קרוב צו 150 טויזנט אויף העכער צוויי מיליאָן יידן (דאַן איז פּוילן געווען אָן די קרעסן) — מיר באַקומען, בכן, נאָך אַ קלענערן פּראָצענט ווי 7. און דאָס איז אַ פּריאָרי פֿאַרשטענדלעך, אַז אויב דער פּראָצענט פֿון אינדוסטריעלע אַרבעטער אין וואַרשע איז העכער ווי 7, מוז דער פּראָצענט אין גאַנץ פּוילן, אַריינרעכענדיק די קליינע שטעטלעך און דערפֿער, זיין אַ סך נידעריקער.

אין פּאַלעסטינע זענען פֿאַר דער מלחמה געווען ביז 115.000 יידן אויף בערך אַ מיליאָן באַפֿעלקערונג. באַלד נאָך דער מלחמה זענען יידן געווען אַ 80 טויזנט אויף אַ 750 טויזנט.

לויט דער לעצטער אָפֿיציעלער סטאַטיסטיק פֿון יאָר 1922 זענען געווען אין פּאַלעסטינע 83,794 יידן פֿון דער אַלגעמיינער צאָל פֿון דער באַפֿעלקערונג 757,182. פֿאַר אונזער פֿאַרגלייכונג איז די צאָל יידן אַ סך גינסטיקער. אָבער למען האמת מוז מען זאָגן, אַז די צאָל יידן איז פֿיל פֿאַרקלענערט. ערשטנס, צוליב דעם, וואָס אַ גאַנץ באַדייטנדער חלק — אפֿשר אַבסאָלוט נישט קיין גרויסער חלק — פֿון אימיגראַנטן איז אַריין אין לאַנד נישט אָפֿיציעל דורך די פּאָרטן פֿון חיפֿה און יפֿו. און צווייטנס איז די צאָל באַוואוסטזיניק פֿאַרקלענערט צוליב פּאָליטישע טעמים דורך דער ענגלישער רעגירונג. ווייל אויב באַלד נאָך דער מלחמה (אין יאָר 1918) זענען יידן געוועזן אַן ערך 80 טויזנט, זענען דאָך פֿאַר פֿיר יאָר אַריינגעקומען עמיגראַנטן. און צוזאַמענשטעלנדיק די גאַנצע צאָל עמיגראַנטן פֿאַר דער דאָזיקער צייט, זעען מיר, אַז די יידישע אימיגראַציע האָט איבערגעשטיגן די עמיגראַציע אויף מינדעסטנס 25 טויזנט. דעריבער מוז די יידישע באַפֿעלקערונג איצט אין פּאַלעסטינע גערעכנט ווערן מינדעסטנס אויף אַ הונדערט טויזנט. יידישע אַרבעטער זענען איצט דאָ אין פּאַלעסטינע 16.608. אַלזאָ, אָננעמענדיק די גרעסערע צאָל יידן אין פּאַלעסטינע — הונדערט טויזנט — באַקומען מיר העכער $16\frac{1}{2}\%$ פֿון אַרבעטער*) — דאָס הייסט, אַז אין גאַנץ פּאַלעסטינע האָט זיך די פּראָצענט-פֿאַרהעלטעניש פֿון אַרבעטער צו דער אַלגעמיינער יידישער

---

*) אונזערע קעגנער וועלן נעבאָך זיין דאָ אין אַ גרויסן כּעס: זאָלן זיי זאָגן, אַז מיינע באַווייזן און באַהויפּטונג, אַז די אַלגעמיינע צאָל פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג אין פּאַלעסטינע איז אַ סך מער ווי 84 טויזענט זענען נישט באַגרינדעט. אויב זיי וועלן זיך האַלטן שטאַרק און איינזען ביי דער ציפֿער 84 — דאַן וועט דאָך אויסקומען דער פּראָצענט פֿון אַרבעטער אַ סך העכער (אַן ערך 20 אַנשטאָט 16 ביי מיר) — זאָלן זיי זאָגן, אַז די צאָל פֿון 100 טויזנט יידן אין פּאַלעסטינע איז פֿאַרקלענערט, כּדי אַזוי אַ נאָך צו פֿאַרקלענערן דעם קאָעפֿיציענט פֿון פּראָדוקטיוויזירונג, דאַן וועט דאָך אויסקומען, אַז דער פּראָצענט יידן בכלל אין פּאַלעסטינע וועט זיך הויבן פֿון 13 אויף אַ 15—16. אַ סברא, אַז ס'לוינט גיכער מסכּים צו זיין צו דער השערה פֿון מיינע ציפֿערן.

באַפֿעלקערונג פֿאַרגרעסערט מער ווי אין צווייען (16—7).

נעמען מיר דעם פּראָצענט-פֿאַרהעלטעניש אין די שטעט, באַקומען מיר גענויע, שוין ממש איבערראַשנדע, ציפֿערן בנוגע די צוויי אינדוסטריעלע צענטערן, וואָס אַנטוויקלען זיך אין ארץ ישראל. אין יפֿו צוזאַמען מיט תל-אָביב זענען דאָ 5045 יידישע אַרבעטער אויף דער אַלגעמיינער צאָל פֿון 20,152, דאָס הייסט גאַנצע 25% (!); אין חיפֿה איז דער פּראָצענט נאָך גרעסער: אויף 6230 יידן איז דאָ אַרבעטער 1851 — כמעט 30% (!); אין ירושלים פֿאַלט דער פּראָצענט אויף 13½ (4597 אַרבעטער פֿון 33,971 יידן) *).

פֿון דעם זעען מיר, אַז אויב אין גאַנץ ארץ ישראל האָט זיך די צאָל אַרבעטער פֿאַרהעלטנישמעסיק מיט פּוילן פֿאַרגרעסערט אין צווייען, האָט זיך אין די אינדוסטריעלע צענטערן יפֿו און חיפֿה די צאָל פֿאַרגרעסערט אין 3 און אין 4 מאָל. דאָס הייסט די יידישע מאַסע פּראָדוקטיוויזירט זיך אין פּאַלעסטינע — דערביי איז דער קאָעפֿיציענט פֿון דער פּראָדוקטיוויזירונג אין גאַנצן לאַנד 2 און אין די אינדוסטריעלע צענטערן — 4—3.

אמת, נישט די גאַנצע צאָל 16.608 זענען געבוירענע אַרבעטער; אדרבא, אַ גרויסע צאָל פֿון זיי זענען געוועזענע האַנדלס-אַנגעשטעלטע, „אינטעליגענטן" און האַלב-אינטעליגענטן, (אין פּאַלעסטינע, וואו מען איז זייער שטאַרק מקפּיד אויף דעם דאָזיקן אונטערשיד, האָט מען אַפֿילו ערפֿונדען אַ ספּעציעלע טערמינאָלאָגיע: עובֿדים און פּועלים). אמת, אַ טייל פֿון די געוואָרענע אַרבעטער פֿאַרלאָזן מיט דער צייט די אַרבעטער רייען — פּסיכאָלאָגיש איז עס פֿאַרשטענדלעך און באַגרינדעט. אָבער אונז אינטערעסירט נישט אין דעם פֿאַל, צי דער אָדער יענער איז געוואָרן אויס אַרבעטער, צי נישט — אונז אינטערעסירט פֿיל מער דער סך הכּל: און אויף דעם איז דאָ אין דער סטאַטיסטיק דער אַזוי גערופֿענער געזעץ פֿון גרויסע צאָלן. ווען דאָ וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן צענדליקער, וואָלט אָט אָ דער צוריקגאַנג געשפּילט אַ ראָלע; ביי מאַסן-צאָלן האָט ער אָבער אַ קנאַפּע באַדייטונג. ווייל דער בעסטער באַווייז איז דאָס לעבן: צייט 17—18 יאָר גייט די אַרבעטער-עמיגראַציע קיין פּאַלעסטינע. אַרבעטער ווערן אויס אַרבעטער און פֿאָרן אַפֿילו צוריק, און דאָך פֿון יאָר צו יאָר, פֿון חודש צו חודש פֿאַרגרעסערט זיך די צאָל יידישע אַרבעטער אין פּאַלעסטינע. אודאי קאָן מען דאָ אָנווייזן, אַז דער צוזאַמענשטעל איז דערביי אַ פֿליסענדער — אָבער ווער קאָן נישט די יידישע אַרבעטערשאַפֿט אין די גלות-לענדער — צי איז דאָרט דער באַשטאַנד נישט אַ סאַך מער פֿליסענדער? אין ארץ-ישראל וועט איר געפֿינען אַרבעטער, וואָס אַרבעטן 12, 13 ביז 15 יאָר ביי לאַנדווירטשאַפֿט; איך נעם אויף זיך די דרייסטקייט צו זאָגן, אַז אין פּוילן וועט מען זעלטן געפֿינען אַ שוסטער אָדער שניידער, וואָס זאָל אין משך פֿון 15 יאָר נישט ווערן אַ בעל-מלאכה — אַ בעל-הבית פֿאַר זיך. אדרבא, אין פּאַלעסטינע איז די „פֿליסיקייט", נישט קוקנדיק אויף דער אימיגראַציע און עמיגראַציע, ווייניקער באַמערקבאַר*).

איצט, ווען מיר גייען צו צו די ציפֿערן וועגן דער פּראָפֿעסיאָנעלער פֿאַנאַנדערטיילונג פֿון די 16.608 יידישע אַרבעטער אין פּאַלעסטינע, זעען מיר נאָך איבערראַשנדערע רעזולטאַטן. שוין אין

*) דערביי איז גאַנץ אינטערעסאַנט, אַז אין ירושלים זענען דאָ 33,971 יידן קעגן 27,312 נישט-יידן (אַן אַבסאָלוטע מערהייט), אין יפֿו 20152 קעגן 27549 נישט-יידן (אַן ערך 48 פּראָצ.), אין חיפֿה 6230 קעגן 18259 (אַן ערך 33 פּראָצ.), אין טבריה יידן 4427 קעגן 2518 (העכער 60 פּראָצ.).

*) באמת, ווען דער ד. ד. ק. וויל וויסן, ווי אַזוי צו בויען די קאָנסטרוקטיווע הילף — דאָס איז דאָך געווען דער מאָטיוו, וואָס ער האָט צונויפֿגעקליבן די סטאַטיסטישע מאַטעריאַלן אין פּוילן, ווי עס שרייבט ד״ר באַנען, — וואָלט דאָך געווען זייער גלייך, ווען ער וואָלט

יאָר 1920 האָט די הסתדרות החקלאית, דער פּראָפעסיאָנעלער פאַריין פון לאַנדוו. אַרבעטער געציילט עפּעס ווייניקער ווי 2000 אַרבעטער; איצט זענען דאָ אַזעלכע 2603 — פון זיי אַן ערך 990 אין קבוצות (פון זיי נאָר אַן ערך 150 אין מושבי עובדים, די איבעריקע אין קאָאָפּעראַטיווע קבוצות). אמת, דער צופלוס פון אַרבעטער איז פאַר דער לעצטער צייט געווען אַ סך גרעסער אין די שטעט, ווי אין דאָרף. אַזוי למשל איז אין חיפה געווען אין יאָר 1920 נאָר 200—300 אַרבעטער, איצט זענען זיי 1851. אָבער דאָך זעען מיר אויך דעם צופלוס אין דאָרף. אין אַזעלכע קאָלאָניעס ווי ראשון לציון, וואָס ציילט איצט 233 קענגן אַ פּאָר צענדליג אין יאָר 1920 און די 452 אַרבעטער אין פּתח-תקוה קעגן די 80 — 100 אין 1920. אָבער אין סך-הכּל זעען מיר, אַז 2603 פון 16608 אַרבעטער אַרבעטן ביי דער לאַנדווירטשאַפט. דאָס הייסט העכער 15%. ביי געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן, דאָס מיינט ביי דורכפירן שאָסייען, ניוועלירן דעם באָדן וכדומה אַרבעטן 1556 אַרבעטער, דאָס הייסט $9^{1}/_{2}\%$. מיר זעען נישט פון די ציפערן, וואו זענען פאַררעכנט די אייזנבאַן-אַרבעטער. אָבער שוין אין יאָר 1920 אויף דער קאָנפערענץ פון די פּועלי הרכבת איז פעסטגעשטעלט געוואָרן די צאָל יידן פון העכער 450. אפשר איז אַ טייל פון זיי פאַררעכנט ביי געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן און אַ טייל ביי בעאַמטע. אַזוי צי אַזוי, אָבער אַ געוויסער און נישט קליינער פּראָצענט געפינט זיך ביי דער אייזנבאַן. ווייטער זעען מיר 2196 ביי דער בוי-אַרבעט, דאָס הייסט העכער 13%. אויב מען וועט נאָך נעמען אין באַטראַכט, אַז דער אַנטייל אין דער בוי-אינדוסטריע מצד די יידן אין פּוילן און פּאַלעסטינע איז גאָר אַן אַנדערער, אַז דאָ מיינט עס הויפּטזעכליך סטאָליאַרעס און מוליאַרזשעס, און אַז דאָרט בויען די יידישע אַרבעטער הייזער אין גאַנצן — דאָס הייסט אַז מוליאַזשעס זענען אויסשליסליך יידן — וועט ווערן קלאָר, אַז אַ טייל פון דער בוי-אינדוסטריע מוז אויך פאַררעכנט ווערן צו דער גרויסער אינדוסטריע, דער אור-פּראָדוקציע. אָבער אפילו אָן דער בוי-אינדוסטריע זעען מיר, אַז העכער 25% ($9^{1}/_{2}$—15) זענען אין דער אור-פּראָדוקציע — און זאָל אפילו זיין, אַז די שטאָטישע אַרבעטערשאַפט פאַרגרעסערט זיך אַ סך ראַשער, ווי די דאָרפישע, אָבער אַזוי צי אַזוי מוזן מיר קומען צום אויספיר, אַז אין פּאַלעסטינע קומט פאָר נישט בלויז די פּראָדוקטיוויזירונג, גאָר אויך די אומשיכטונג פון יידישן עקאָנאָמישן לעבן.

אוודאי, ביי מער דעטאַלירטע סטאַטיסטישע ציפערן וועט ווערן נאָך בולטער דאָס בילד פון דער פּראָדוקטיוויזירונג און אומשיכטונג, וואָס קומט פאָר אין יידישן עקאָנאָמישן לעבן אין פּאַלעסטינע אין פאַרגלייך מיט די גלות-לענדער. אָבער שוין פון די פּאָר ציפערן איז צו זען, אַז אין פּאַלעסטינע וואַקסט דער יידישער אַרבעטער-צענטער, אַז דער יידישער אַרבעטער דרינגט אַריין אין דער אור-פּראָדוקציע, אַז ער ווערט לאַנגזאַם, אָבער זיכער דער אויבערהאַר אין יידישן לעבן. *)

אמת, די אומגלויביקע רוקן-אַרויס אַלע מאָל דעם מאָטיוו, אַז די אימיגראַציע קיין פּאַלעסטינע איז אַן אויפגעבלאָזענע, אַ געקינצלטע — אַרויסגערופן דורך אַגיטאַציע. אָט די „מאַרקסיסטן" דאַרף מען דערמאָנען, אַז קיין קינסטלעכע געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען

די זעלביקע סטאַטיסטישע אויספאָרשונג פאַרגענומען אין א"י, — דאַן וואָלט ער באַשיימפּערלעך געזען, אין וואָס עס באַשטייט די געזונטע קאָנסטרוקטיווע הילף פאַר די יידישע מאַסן.

*) די אומשיכטונג ביי דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג איז בולט צו זען פון די קליינע סטאַטיסטישע ציפערן פון יאָר 1916. דאַן איז אין גאַנץ יהודה (שטאָט און דאָרף) געווען באַשעפטיקט ביי אינדוסטריע און האַנדל און מעלאָכע — 42,2 פּראָצ., בשעת אין רוסלאַנד זענען פאַר דער מלחמה געווען 74,03 פּראָצ. פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג באַשעפטיקט ביי אינדוסטריע און האַנדל.

קענען נישט האָבן קיין ממשות, קיין קיום: זיי קענען נאָר מאָמענטנווייז אויפֿשווימען אויף דער געזעלשאַפֿטלעכער אַרענע און מוזן פֿאַרשווינדן פּונקט אַזוי ראַש, ווי אומדערוואַרטעט און אומפֿאָראויסגעזען זיי אַנטשטייען. אַזוי האָט פּאַסירט מיט אַלע פּראַקטישע קאָמוניסטישע פּרובן אין אַלע צייטן — ווי למשל פֿוריעס פֿאַלאַנסטערן, וועלכע זיינען געווען אַ פּראָדוקט נישט פֿון די רעאַלע פֿאַרהעלטנישן, נאָר פֿון דעם פֿוריעס אויפֿקלערונג. אַזוי האָט פּאַסירט מיט דער עמיגראַציע אין גאַלוועסטאָן וכדומה. די אימיגראַציע אין פּאַלעסטינע איז נישט קיין געקינסטעלטע, ווייל זי עקזיסטירט שוין זייט 40 יאָר (אין יאָר 1882 זיינען געווען געגרינדעט די ערשטע יידישע קאָלאָניעס — ראשון לציון, זכרון יעקב און ראש פּנה, מיט אַ יאָר שפּעטער עקרון און יסוד המעלה — אויב נישט רעכענען די גאָר ערשטע יידישע זידלונג מקוה ישראל אין יאָר 1870) און זי גייט, נישט פֿאַרקלענערנדיק זיך, נישט געקוקט אויף מניעות פֿון אַלע זייטן. פֿון די 28 טויזנט יידן נאָר אין די שטעט אין יאָר 1882, האָבן זיי זיך פֿאַרמערט ביז העכער הונדערט טויזנט אין יאָר 1922. און די צאָל יידן האַלט אַלץ אין איין שטייגן. די אַרבעטער אידעאַליסטן פֿון דער אימיגראַציע זענען נאָר די יעניקע, וואָס זענען פֿריער געקומען צום באַוואוסטזיין פֿון דעם אינטערעס פֿון דעם גאַנצן קלאַס. וואָלט עס געווען נאָר אַ געקינסטעלטע דערשיינונג, וואָלט די אימיגראַציע קיין פּאַלעסטינע געוואָרן שוין לאַנג בלויז אַ היסטאָרישע ערינערונג. דוקא איצט הויבט אָן די אימיגראַציע פֿון אַ פּיאָנעריש-אידעאַליסטישער זיך צו פֿאַרוואַנדלען אין אַ אַלגעמיין-מאַטעריאַליסטישער — עס עמיגרירן שוין אין פּאַלעסטינע נישט נאָר אידעאַליסטן, נאָר פּשוטע יידן פֿון אַ גאַנץ יאָר — מיט ווייבער און קינדער (פֿאַרשטייט זיך נאָך נאָר אין אַ קליינער מאָס). און דאָס איז דער בעסטער באַווייז, אַז פּאַלעסטינע איז נישט מער קיין געביט פֿון טעאָריעס און חלומות; זי הויבט אָן ווערן אַ רעאַלער פֿאַקט אין דער איבערבויאונג פֿון ייד. עקאָנאָמישן לעבן אויף יסודות פֿון פּראָדוקטיווער אַרבעט און שאַפֿונג. זי ווערט דאָס לאַנד, וואו אידעאַלן הויבן זיך אָן צו רעאַליזירן.

ז. אָסטראָווסקי / צו דער טאַקטיק אין פּאַלעסטינע

פּאַלעסטינע איז אַן אָפּגעשטאַנען אַגראַר לאַנד. מיר טרעפֿן דאָרט, ווי בכלל אין פֿילע לענדער פֿון מזרח, באַשטימטע שפּורן פֿונם „אוראַלטן משפּחה-קאָמוניזם”. רעשטלעך פֿונם אַלטן פּאַטריאַרכאַלן לעבן. אין אַזעלכע אָפּגעשטאַנענע לענדער איז דער רעוואָלוציאָנערער קאַמף געווענדעט נישט אַזוי קעגן קאַפּיטאַליזם, ווי קעגן אימפּעריאַליזם, וועלכער דריקט דאָס גאַנצע פֿאָלק און פֿאַראייניקט אַלע קלאַסן אַרום דער באַפֿרייאונגס-אידעע. דאָס מוז מען נעמען אין אַכט, ווען מיר ווילן זיך אויפֿקלערן די אַרבעטער-טאַקטיק אין פּאַלעסטינע.

אויך איז דאָרט שטאַרק קאָמפּליצירט דאָס פּראָבלעם פֿון פּראָפֿעסיאָנעלער באַוועגונג. אַזוי, למשל, ווייסן מיר, אַז אין אַלע מער אָדער ווייניקער אַנטוויקלטע קאַפּיטאַליסטישע לענדער באַשטייט די אויפֿגאַבע פֿון דער פּראָפֿעסיאָנעלער באַוועגונג אין קאַמף פֿאַר דער אויסבעסערונג פֿון די אַרבעטס-באַדינגונגען (8 שעה אַרבעט, בעסערע שכירות א.א.וו.) אָבער

אין פאַלעסטינע, ווי אין אַנדערע מזרח-לענדער, וואו מען קען זיך באַנוצן מיט ביליקע אַרבעטס קראַפט, באַשטייט די גרונט-אויפגאַבע אין דער אויסמיידונג פון דער נאַציאָנאַלער קאָנקורענץ צווישן די אָרטיקע און אָנגעקומענע אַרבעטער, וועלכע שטרעבן, נאַטירלעך, צו ערָאָבערן פאַר זיך דעם אַרבעטס-פלאַץ.

אַזוי קומט אויס, אַז אין פאַלעסטינע ווערט די פראָפ. באַוועגונג פאַרוואַנדלט אין אַ געווער פון נאַציאָנאַלער קאָנקורענץ, אַנשטאָט צו זיין אַ געווער פון קלאַסן-קאַמף; הייסט דאָס, אַז אויך דער דאָזיקער מאָמענט דאַרף גענומען ווערן אין באַטראַכט, בשעת מען רעדט וועגן די אויפגאַבען פון דער רעוו. אַרבעטערשאַפט. די דאָזיקע אייגנשאַפטן פון דער טאַקטיק אין די מזרח-לענדער איז שוין דיסקאַנטירט געוואָרן דורך דער פערסישער, טערקישער, אַזערבאַידזשאַנישער, אַרמענישער און אַנד. מזרחדיקע מאַרקסיסטישע פּאַרטייען.

אַזוי, למשל, זעען מיר, אַז די טערקישע קאָמפּאַרטיי שטרעבט פון איין זייט „אויפן סאַמע ענערגישסטן שטייגער אונטערשטיצן די נאַציאָנאַלע באַפרייאונגס באַוועגונג און דאָס קליינע און מיטעלע בירגערטום, וועלכע פירן אָן מיט דער באַוועגונג“ און פון דער צווייטער זייט מוז זי שאַפן „באַזונדערע, אומאָפּהענגיקע פון דער בורזשואַזיע, אָרגאַניזאַציעס פון די האָרעפּאַשנע אַרבעטער און פויערים מאַסן, צוגויפקלייבן אַרום זייער פאָן די מער שטאַנדהאַפטיקע און איבערגעגעבענע אַרבעטער און קעמפער“*).

די דאָזיקע שווערע אויפגאַבע איז אין איינקלאַנג מיט די טעזן פון צווייטן קאָנגרעס וועגן דער נאַציאָנאַלער און קאָלאָניאַלער פראַגע. דאָרט איז עס בפירוש אָנגעוויזן, אַז דער אינטערנאַציאָנאַל קאָן אַריינטרעטן אין צייטווייליקע אָפּמאַכן און זאָגאַר אין אַ בונד מיט דער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע פון די קאָלאָניעס און אָפּגעשטאַנענע לענדער, אָפּהיטנדיק נאַטירלעך די זעלבשטענדיקייט פון זיינע אָרגאַניזאַציעס. „די מאַרקסיסטישע פּאַרטיי דאַרף אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע שטעלן אין דער שפּיץ נישט אַבסטראַקטע און פאָרמעלע פּרינציפּן, נאָר ראשית כל דעם פּינקטלעכן אָפּצוג פון דעם היסטאָריש קאָנקרעטן און קודם-כל עקאָנאָמישן מצב.**)

עס מוז דערמאָנט ווערן נאָך אַ וויכטיקער מאָמענט, וועגן וועלכן ס'איז כדאי צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער: אין די אָפּגעשטאַנענע מזרח-לענדער, וואו דער אינדוסטריעלער פּראָלעטאַריאַט איז שוואַך אַנטוויקלט, באַקומען אַ באַשטימטן געוויכט די בעלי מלאכות און קוסטאַרן, מיט וועלכע די אָרטיקע קאָמפּאַרטייען מוזן זיך שטאַרק רעכענען. „קיינער האָט נישט געטראַכט וועגן דעם, אַז אין די לענדער פון די ליליפּוטן-פּראָדוקציע דאַרפן גראָד זיי (די בעלי-מלאכות און קוסטאַרן) ווערן דער יסוד פון דער נייער פּראָדוקציאָנס-אָרגאַניזאַציע און אויף זיי דאַרף זיין געבויט דער פּלאַן פון צוציען די אָרטיקע מאַסן צו דער געזעלשאַפטלעכער פּראָדוצירונג.“

דער X צוזאַמענפאָר פון דער ר.ק.פ. האָט אָפּגעגעבן אַ סך אויפמערקזאַמקייט דער אָרגאַניזירונג אין די מזרח-לענדער פון די, אַזוי אָנגערופענע, קליין-בירגערלעכע עלעמענטן, מיט וועלכע די פּאַרטייען פון די אַנטוויקלטע קאַפּיטאַליסטישע לענדער האָבן נישט קיין מגע ומשא. צווישן אַנדערע מעטאָדן ווערט אגב אורחא אָפּגעגעבן אַ חשובער אָרט דער געבראַוכס-קאָאָפּעראַציע, וועלכע איז אַמבעסטן צוגעפּאַסט צו פאַרייניקן און אָרגאַניזירן די צעשפּליטערטע מאַסן-

*) מ. פּאַוולאָוויטש: די רעוואָלוציאָנערע טערקיי, זייט 108

**) טעזן וועגן דער נאַצ. קאָל. פראַגע פון II קאָנגרעס, זז 2. 8

דורך אָט דעם אייגענעם נאַטירלעכן ווירטשאַפטלעכן וועג, ד. ה. דורך קאָאָפּעראַציע פון די קליין פּראָדוצירער, ווערן די דאָזיקע עלעמענטן צוגעבראַכט צום מאַרקסיזם. די אַנגעוויזענע טענדענץ בנוגע צו דער טאַקטיק פון די מזרח קאָמפּאַרטייען האָט געפונען איר אויסדרוק אין דער פּראַקטיק פון די דערמאָנטע פּאַרטייען. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז שטייענדיק שוין ביי דער מאַכט, זיינען זיי נישט אַזוי ווייט געצוואונגען צו גיין אויף פשרות און צופּאַסן זיך צו די טיף איינגעוואָרצלטע מנהגים, טראַדיציעס און פאַ־אורטיילן. זיי שטעלן זיך, נאַטירלעך, אַזעלכע אויפגאַבן, וועלכע זענען אויספירבאַר אין די באַדינגונגען פון ראַטן-רעזשים. דערפאַר איז אָבער די טאַקטיק פון דער טערקישער אָדער פּערסישער קאָמ-פּאַרטיי אַ ספּעציפיש מזרחדיקע און קאָן אַרויסרופן ספקות און חשדים ביי פאַרשידענע „הורא קאָמוניסטן", ווי בכלל ביי מענשן, וואָס זענען נישט באַהאַוונט אין די באַדינגונגען פון רעוואָלוציאָנערער אַרבעט אין די אָפּגעשטאַנענע מזרח-לענדער.

מיר זעען, למשל, אַז די פּערסישע פּאַרטיי, וואָס גייט אַריין אַלס סעקציע אין קאָמאינ-טערן, שטרעבט צו אַן ענגען קאָנטאַקט מיט אַלע קרעמער און קליינבירגערלעכע עלעמענטן, וועלכע זענען נישט צופרידן מיטן שאַך. אַ חוץ דעם אָנערקענען זיי דעם קאַמף פאַר אַ גרינדונגס-פאַרזאַמלונג אויפן יסוד פון דעמאָקראַטישע וואַלן. פּונקט אַזוי, ווי אין דער ווייט מזרחישער רעפּובליק, באַטייליקן זיך די קאָמוניסטן אין דער אַרבעט פון דער „אוטשרע-דילקע". די פּערסישע קאָמוניסטן שטעלן פאַר זיך בכיוון אַ גאַנצע ריי אויפגאַבן פון קאָנ-סטרוקטיווער ווירטשאַפטלעכער אַרבעט, וואָס מוז אַדורכגעפירט ווערן אין די ראַמען פון דער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע, וועלכע מוז, לויט זייער חשבון, פאַרבייטן דעם שאַכס דעספּאָטיע. דאָזעלבע האָבן אנערקענט די ביכאַרער קאָמוניסטן. די מעסיג-קייט פונם פּערסישן פּראָגראַם ערקלערט זיך קודם כל מיט די בלוטיקע דערפאַרונגען, וועלכע די פּאַרטיי האָט געמאַכט אין פרילינג 1920, בעת זי האָט זיך אויף אַ קורצער צייט צוגעכאַפּט צו דער מאַכט. זי האָט דאַן געפּרוווט פאָרסירן דעם קאָמוניזם פאַר דער פעאָדאַלער פּערסיע לויטן שאַבלאָן פון מאָסקווע, און האָט, נאַטירלעך, באַנקראָטירט. תיכף האָט זיך אָנגעהויבן אן אויפ-שטאַנד, דער שאַך האָט ווידער פאַרכאַפּט די מאַכט און די קאָמוניסטן האָבן געמוזט אָפּטרעטן.

די גרוזינישע און אַרמענישע פּאַרטייען האָבן זיך זייער ערנסט צוגעהערט צו די עצות פון ח' לענין, וועלכער האָט אין פרילינג 1921 דורך אַ ספּעציעלער ראַדיאָ טעלעגראַפירט: „זעט, זיַסט שאַבלאָניזירן, מאַכט נישט נאָך ראַטן-רוסלאַנד; גייט אויף פאַרשידענע הנחות מיט אייערע קרעמער און קליינבירגער".

אָט די דאָזיקע מאָמענטן מוז מען נעמען אין אַכט, ווען מען הויבט אָן רעדן מכוח פּראָלע-טאַרישע אויפגאַבן און אַרבעטן אין פּאַלעסטינע, וועלכע לעבט אין דיזעלבע באַדינגונגען, וואָס די פּערסישע קאָם. פּאַרטייען. בנוגע פּאַלעסטינע פעלט נאָך בכל אופן אַזאַ מין פּראָגראַם-מינימום. ביז איצט האָבן זיך די חברים אין פּאַלעסטינע אָריענטירט אויף דער רעוואָלוציע פון ראַטן-רוסלאַנד, נישט רעכענענדיק זיך מיט די אָרטיקע באַדינגונגען. ס'איז דעריבער נישט קיין חי-דוש, וואָס דער פריעדיקער עקסטרעמער קורס האָט אין די איצטיקע באַדינגונגען קיין שום ממשות און אַז דאָ איז אָפן דער וועג צו אומפאַראַנטוואָרטלעכן „פּוטשיזם" אין פּאָליטישן אוואַנטוריזם.

מיט אַזאַ געפאַר דאַרף מען קעמפן.

דאָס פּראָגראַם און די טאַקטיק מוזן זיין דורכויס צוגעפּאַסט צו די רעאַלע באַדינגונגען פונם לאַנד. די פּאַרטיי מוז שטיין אויף דער וואַך פון די אינטערעסן פון די יידישע און אראַ-

בישע הערפאשנע מאסן; זי דארף ווערן א צענטער פון רעוואלוציאנערן ווילן, זעלבסטטעטיקייט און אקטיוויטעט, א צענטער פון פאליטישער און ווירטשאפטלעכער איניציאטיוו. נאר אויף דעם דאזיקן וועג קאן זי ווערן א טעריטאריאלע קלאסן-פארטיי, הן לויט איר באשטאנד, הן לויט איר פראגראם און טאקטיק.

מיר מיינען נישט דא אויפן ארט אנצייכענען דאס גאנצע פראגראם. מיר האבן זיך פארדופן אויף דער אנאלאגיע מיט דער פעלקערישער באוועגונג אין אנדערע מורח-לענדער, כדי ארויסצוברענגען און אונטערצושטרייכן בלויז די הויפט-ליניע פון דער ספעציפישער טאקטיק דארט. אויב ביז אהער פלעגט מען צוגיין אויך צו פאלעסטינע מיט דער מאס פון די אנטוויקלטע קאפיטאליסטישע לענדער אין אייראפע, איז געקומען די צייט צו דערמאנען, אז פאלעסטינע איז פארט אין מורח, און אלס אן אפגעשטאנענע אגראר-לאנד נייטיקט זי זיך אין אן אנדער מאס.

וויל מען באמת האבן א צוטריט צו די ארטיקע הערפאשניקעס און האט מען אין זינען א ברייט-פארצווייגטע מאסן-טעטיקייט, מוז מען דורכויס זען, אז דאס פראגראם זאל זיין צוגעפאסט צו די ארטיקע אייגנארטיקע באדינגונגען און אויסגערעכנט אויף צו באפרידיקן די ספעציפישע באדערפענישן סיי פונם לאנד, סיי פון די איינוואוינער און סיי פון דער פראדוקטיווער איינוואנדערונג.

אזא פראגראם וואלט צווישן זיינע גרונט-פרינציפן געמוזט אויפנעמען, לויט אונזער מיינונג, פאלגנדיקע פונקטן: 1) די נאציאנאליזירונג פון דעם באדן און די באטיילונג פונם ארעמען ערדלאזן אראבישן פויערטום און אויך דעם אנגעקומענעם עלעמענט, וואס וויל בלייבן ביי ערד-ארבעט. בכלל, די ראדיקאלע אגרארע רעפארם, וואס קאן ווירקלעך אומבייטן די ביזאיצטיקע אלטפ״ענקישע מעטאדן פון עקסטענסיווער ערדווירטשאפט (למשל איינארדנען ערד-ווירטשאפטלעכע עקספערימענטאלע סטאנציעס, מוסטערהאפטע קאלאניעס, ארטעלן, קאמונעס, פארמיטלונג פון ערד-ווירשאפטל. מכשירים אויף גינציקע באדינגונגען, בארגן זוימען פאר ארעמע פויערים וכדומה). בכלל אלץ, וואס מוז ברענגען סוף-כל-סוף צו דער פולשטענדיקער אומאפהענגיקייט און באפרייאונג פון די פארשקלאפטע פעלאכן.

2) אירריגאציאנס און מעליאראטיווע אונטערנעמונגען אויפן חשבון פון דער מלוכה, בכדי צו באוואסערן און פרוכטבאר מאכן יענע טיילן פון באדן, וואס קענען דערווייל נישט אויסגענוצט ווערן.

3) די ברייטע און צוועקמעסיקע עקספלאאטאציע פון די מעכאנישע נאטור-כוחות (עלעקטריפיצירונג פון ירדן און אנדערע וואסערפאלן, די אוטיליזירונג פון זונען ש״ין און ווינט).

4) די געזעצגעבערישע פארזיכערונג פון די פעלאכן דורך דער באשטימטער פארטיילונג פון ערד, בשעת ס׳וועט אויסקומען עקספראפריאירן די ארטיקע פעאדאלן אין עפענדים.

5) נעמענדיק אין אכט, אז אין די אפגעשטאנענע מורח-לענדער קאן זיך די ראטן-מאכט שטיצן דער עיקר אויף די קליינע פראדוצירערס פון שטאט און דארף, מוז אין פראגראם אפגעגעבן ווערן א חשובער ארט דער פראדוציר- און געברויכס-קאאפעראציע, וואס שטעלט מיט זיך פאר דעם איינפאכסטן און לייכטסטן וועג צו ארגאניזירן די ברייטע מאסן (געמישטע אראבישע קאאפעראטיוון, ערד-ווירטשאפטלעכע, אינדוסטריעלע פארמס, סעדער, גערטנער, קאאפעראט. ווארשטאטן א. א. וו.).

6) ברייטע און סיסטעמאטישע ארגאניזירונג פון געזעלשאפטלעכער ארבעט, אין וועלכער ס׳זאלן זיך באטייליקן יידן און אראבער אויף גלייכע באדינגונגען, בכדי אויסצומיידן די נאצ-

יאָנאַלע קאָנקורענץ און אַזוי אַרום זיך דערנענטערן איינער צום צווייטן, גובר זיין דעם אומצוטרוי און פאָרורטייל, וואָס הערשט אַזוי שטאַרק ביי די ביידע פעלקער.

7) בויען באַנען, שיפן און אַנדערע טראַנספּאָרט-מיטלען און פאַרבעסערן די שוין עקזיסטירנדיקע.

8) שאַפן אפילו דורך פּריוואַטער איניציאַטיוו אין אַלע שטעט און קאָלאָניעס אַ גאַנצע נעץ פון קולטור-אָרגאַניזאַציעס, סאַניטאַר-היגיענישע אינסטיטוטן, כדי צו באַפרידיקן די טאָגטעגלעכע באַדערפעענישן פון דער אַראַבישער און יידישער באַוועגונג (שאַפן אַ מין אַראַבישיידישן פאַריין, ענלעך צום אידגעזקאָם אין רוסלאַנד אין זיין לעצטער פאָרמאַציע).

9) פירן דעם קאַמף מיט די ענגלישע אָקופּאַנטן, מיט דער יידישער און אַראַבישער בורזשואַזיע און זייערע סאָציאַל-פּאַטריאָטישע מיטהעלפער און פראָקלאַמירן די פּרינציפּן פון מאַרקסיזם דורך רעאַלער טאָג-טעגלעכער אַרבעט אויפן עקאָנאָמישן און קולטורעלן געביט.

דאָס זענען בלויז איניקע פון די גרונט-פּרינציפּן. מיר האָבן מיט אַ כיוון נישט אויסגערעכנט די אַלגעמיינע פּרינציפּן, וואָס זענען שוין געוואָרן אַן אָרגאַנישער באַשטאַנד-חלק פון יעדן אַרבעטער-פּראָגראַם. אונז דאָ איז אָבער געגאַנגען וועגן די באַזונדערע ספּעציפישע פונקטן — אויף זיי מוז געלעגט ווערן דאָס הויפּט-געוויכט. די ערנסטע אָנשטרענגונג צו זייער באַפרידיקונג גאַראַנטירט אין אַגרויסער מאָס דעם ערפאָלג פון דער קלאַסן-פּאַרטיי אין פּאַלעסטינע.

י. ישראלי / אַקטועלע פּאַלעסטינע-פראַגן

I.

פאַרן ייד. אַרבעטער-קאָלעקטיוו שטייט נישט היינט צו טאָג דאָס פּראָבלעם, ווי אַזוי ער זאָל אויפבויען פּאַלעסטינע. די אויפבויונג פונם לאַנד קאָן, ביי די איצטיקע באַדינגונגען, נישט זיין דאָס ציל און נישט די ספּעציעלע שליחות פון דער אַרבעטערשאַפט.

ס׳מוז אָבער יאָ זיין דורכאויס איר אויפגאַבע און פליכט צו פאַרנעמען אַ באַשטימטע קלאָרע שטעלונג צו דעם דאָזיקן אויפבוי-פּראָצעס, וואָס קומט פאַקטיש פאָר און אין וועלכן זי ווערט אָביעקטיוו אַריינגעצויגן, אַלס דער וויכטיקסטער ווירטשאַפטלעכער פאַקטאָר. זי מוז אויפקלערן סיי איר אינטערעס סיי איר ראָלע, אין אָט דעם פּראָצעס.

דאָ קאָן מען נישט יוצא זיין מיט אַן איינגעחזרטן פּזמון וועגן דעם, אַז דער סטיכישער פּראָצעס טוט סיי ווי סיי דאָס זייניקע און אַז זיך דער אַרבעטער פּילט-אויס זיין ווירטשאַפטלעכע פונקציע אָן שום הינטער געדאַנקען וועגן אויפבויען דאָס לאַנד.

מסכים, אַז ס׳דאַרפן נישט זיין אַזעלכע הינטערגעדאַנקען, וואָס זענען מסוגל צו אָפּטעמפּן ביים אַרבעטער דעם זין פאַר די אויסדריקלעכע קלאַסן-אינטערעסן און איינשטאַנען זיין פּסיכיק אין רייטוואָגן פון וועלכער ס׳איז „אַלגעמיינער" נאַציאָנאַלער אידעע.

אָבער טאַקי צוליב אָט דעם טעם דאַרף נאָך שטאַרקער באַטאָנט ווערן איינמאָל פאַר אַלעמאָל, אַז דער ייד. אַרבעטער-קאָלעקטיוו מוז בנוגע פּאַלעסטינע און זיינע אויפגאַבן דאָרט אומבאַדינגט האָבן אַ פירנדן געדאַנק, אַ לייט-מאָטיוו פאַר זיינע אַלע האַנדלונגען.

דער דאָזיקער פירנדער געדאַנק קאָן נישט זיין געפּענטעט מיט די מאָמענט-באַדערפנישן פונם שוין פאַראַנענעם קיבוץ, זאָל אפילו

זיין פון דעם אָרטיקן אַרבעטער-ישוב. פונקט אַזוי קאָן ער נישט זיין אָנגעבונדען סתּם אָן די אינטערעסן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער באַוועגונג, ווי וויכטיק זיי זאָלן נישט זיין אָביעקטיוו.

די אידעע פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע אויפן מורח קאָן נישט זיין דער לייט-מאָטיוו פאַר אַ פאַרשטאַרקטן פּאַלעסטינע-אינטערעס ביים יידישן אַרבעטער. די באַפרייונג פונם מורח איז נישט דאָס אייגנטלעכע ציל פון ייד. פּראָלעטאַריאַט, און ער האָט נישט, אין פלוג גענומען, קיין שום ספּעציעלע התחייבות אין שייכות מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג דאָרט.

געוויס וועט די רעוואָלוציאָניזירונג פונם מורח האָבן אַ קאָלאָסאַלע השפעה אויף דער געשטאַלטונג פונם יידישן אַרבעטער-יישוב אין פּאַלעסטינע. דערפאַר טאַקי איז נאַטירלעך און באַרעכטיקט דער באַזונדערער אינטערעס פון די יידישע אַרבעטער צו דער רעוואָלוציאָניזירונג פונם מורח. דער אויסגאַנגס-פונקט דערביי איז אָבער נישט דער מורח און זיין אַנטוויקלונג, נאָר די אויסגעשטאַלטונג פונם יידישן אַרבעטער-יישוב אין פּאַלעסטינע. קוים פאַלט-אָפּ דער אינטערעס צום לעצטן, דאַן ווערט במילא אויך אויסגעוועפּט די אינטענסיווערע אויפמערקזאַמקייט צום מורח.

סתּם אַ יידישער אַרבעטער, קוים פאַרמאָגט ער נישט די פּועלי-ציוניסטישע אויפפאַסונג פונם יידישן אַרבעטער-פּראָבלעם, וואו דער פּאַלעסטיניזם איז אַזוי אָרגאַניש איינגעוועבט, — קאָן ער אויך בשום אופן נישט האָבן קיין ספּעציעלן זין און אינטערעס פאַר דעם לויף פון די געשעענישן אויפן מורח.

קלאָר, אַז דאָ גייט וועגן אינטערעס פון יידישן אַרבעטער-כּלל און נישט וועגן איינצלנע מיט-גלידער זיינע, אָדער אַפילו גרופּן. די יידישע אַרבעטער פון פּוילן, צי פון אַמעריקע, אָדער אַ וועלכן אַנדער לאַנד פון יידישן מאַסן-ישוב באַקומען זייער באַזונדערן אינטערעס צו דער אַנטוויקלונג פונם אָריענט נאָר אין שייכות מיטן פּראָלעטאַרישן פּאַלעסטיניזם, וואו ס'ווירקט דער אינטערעס פון גאַנצן קלאַס. נישט פון טיילן יידישע אַרבעטער, מעגען זיי זיין אין פּאַלעסטינע גופא, נאָר דווקא פון גאַנצן יידישן אַרבעטער-קלאַס אין זיין אינטערטעריטאָריאַלן פאַרנעם.

דאָ האָבן מיר נישט צו טאָן מיט פּאַלעסטינע, אַלס לאַנד סתּם, אַלס איינע פון די לענדער, וואוהין עס גייט אַ גרעסערע, צי אַ קלענערע יידישע עמיגראַציע. האָט דאָך די יידישע אַרבעטערשאַפט קיינמאָל ביז אַהער נישט געשטעלט פאַר זיך קיין ספּעציעלע אויפגאַבן אין שייכות מיט די פילע לענדער פון יידישער איינוואַנדערונג. אויב זי האָט דאָס געטאָן און טוט עס נאָך מער איצט בנוגע פּאַלעסטינע, איז עס בפירוש נאָר דערפאַר, וואָס פּאַלעסטינע איז דאָס איינציקע לאַנד, מיט וועלכער עס זענען פאַר איר פאַרבונדן באַזונדערע, ספּעציעלע אויסזיכטן. די דאָזיקע אויסזיכטן זענען נוגע נישט בלויז דער באַטרעפנדער צאָל איינוואַנדערער, נאָר אויך די גרויסע מאַסן, וואָס פאַרבלייבן אויף די ערטער, דעם גאַנצן יידישן אַרבעטער-כּלל.

אין פּאַלעסטינע טרעפט אָן די יידישע איינוואַנדערונג אויף ווירטשאַפטלעכע און סאָציאַלע באַדינגונגען, וועלכע מאַכן אָביעקטיוו מעגלעך און אַפילו אומפאַרמיידלעך די איבערבויאונג פון דער יידישער ווירטשאַפט אויף נייע יסודות. נאָך מער. די יידישע איינוואַנדערונג איז דאָ די טרעגערין פון ווירטשאַפטלעכער און געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג בכלל. זי ברענגט אַריין די נייע טעכניק, נייע פאָרמען און מעטאָדן פון אַרבעט, נייע קולטור-באַדערפענישן און פאָדערונגען, געזעלשאַפטלעכע צילן און אויפגאַבן.

די דאָזיקע מעגלעכקייט פון אַ נייער פיל-זייטיקער יידישער ווירטשאַפטס-סביבה אין פּאַלעסטינע פאַרמאָגט אין זיך אַ ראַדיקאַלן

תשובה אויף דעם אייגנאַרטיקן יידישן פּראָבלעם. זיין גרונט-שטריך איז, כּידוע, די יידישע עקסטעריטאָריאַליטעט, און אין אָרגאַנישן צוזאַמענהאַנג מיט איר דער איינזייטיקער פּראָפעסיאָנעלער צוזאַמענשטעל, די אַבסאָלוטע ווירטשאַפטלעכע אָפּהענגיקייט, פּאָליטישע מינדערווערטיקייט און אומגעהייערע עמיגראַציע. שוין היינט צו טאָג איז צו זען, ווי אין פּאַלעסטינע ווערט אָנגעצייכנט אין בולטע שטריכן די לייזונג פון די דאָזיקע פּראָבלעמען. און דאָ איז טאַקע דער קוואַל, פון וואַנען דער גאַנצער יידישער אַרבעטער-כּלל שעפּט זיין באַזונדערן טיפערן אָרגאַנישן אינטערעס צו אַלץ, וואָס קומט פאָר אין פּאַלעסטינע אָדער אין שייכות מיט איר.

דער דאָזיקער אינטערעס קאָן נישט זיין קיין פּלאַטאָנישער, אַבסטראַקטער. פאַקטיש איז די יידישע אַרבעטערשאַפט די טרעגערין און פאַרווירקלעכערין פון די נייע ווירטשאַפטלעכע און געזעלשאַפטלעכע פּראָצעסן אין פּאַלעסטינע. במילא קאָן נישט זיין קיין רייד דערפון, אַז זי זאָל זיין גלייכגילטיק צום גאַנג און אויסגאַנג פון אָט די פּראָצעסן. זיי ווירקן אויף איר סיי אין געגעבענעם מאָמענט, און נאָך מער אין זייער היסטאָרישער אַנטוויקלונג. און זי קאָן בנוגע זיי נישט יוצא זיין מיט פעסטשטעלן פאַקטן, פאַרצייכענען געשעענע פּאַסירונגען. זי מוז זיך דורכויס אין זיי אַריינמישן און זוכן די אופנים, ווי זיי פון איר ווייט צו באַאיינפלוסן.

אוודאי טאָרן מיר זיך נישט איינרעדן קיין אילוזיעס, אַז די אַרבעטערשאַפט קאָן שוין היינט, ווען אין דער גאַנצער וועלט ברויזט נאָך דער קאַפּיטאַליזם, אַליין אויפבויען פּאַלעסטינע. מעגן ווי רעוואָלוציאָנער קלינגען די נייע פּלענער פון „אחדות העבודה" וועגן דער „אַרבעטנדער קאָמונע" אין פּאַלעסטינע, וואָס נעמט איבער אויף זיך, אויפצובויען די נייע יידישע געזעלשאַפט אין פּאַלעסטינע דורך דער אַרבעטערשאַפט און אָנגעשפּאַרט בלויז אויף אירע כּוחות, — אין תּוך גענומען און ביים שיין פון דער פּראָלעטאַרישער אידעאָלאָגיע זענען זיי אוטאָפּיסטיש און במילא רעאַקציאָנער.

די אַרבעטערשאַפט קאָן אָבער אַ סך אויפטאָן אינעם פּראָצעס פון אויפבוי פאַר זיך, פאַרמערן און פאַרשטאַרקן אירע פּאָזיציעס אין לאַנד. האָט מען דאָס אין אויג, קאָן מען זיך נישט באַנוגענען מיט דעם קאַמף פאַר די באַדערפענישן פון דעם שוין פאַראַנענעם אַרבעטער-קיבוץ. פּאַלעסטינע איז דאָך אַ לאַנד, וואָס איז אויסגערעכנט נישט אַזוי אויפן נאַטירלעכן צווואוקס פון דער באַפעלקערונג, ווי אויפן צופלוס פון נייע פּראָדוקטיווע איינוואַנדערער.

די פּראָבלעמען פון דער יידישער איינוואַנדערונג זענען, בכן, פון די וויכטיקסטע פאַרן יידישן אַרבעטער-קאָלעקטיוו. נישט בלויז די אויפנאַמספעיקייט פון לאַנד, וועלכע איז נישט פיקסירט און פאַרגליווערט איין מאָל פאַר אַלעמאָל, נאָר אויך די פּאָליטישע באַדינגונגען פאַר דער איינוואַנדערונג, די ווירטשאַפטלעכע צוגעפּאַסטקייט און צוגרייטונג פון די איינוואַנדערער גופא. נישט ווייניקער וויכטיק איז פון פּראָלעטאַרישן שטאַנדפּונקט אויך זייער פּראָלעטאַריש-אידעאָלאָגישע דערציונג און הכשרה. פון אָט די אַלע מאָמענטן אין זייער סך-הכּל הענגט אָפּ די גרויס פון דער איינוואַנדערונג, איר טעמפּ, איר כאַראַקטער און ערפאָלג.

די פּראָלעטאַרישע באַוועגונג רופט נישט אַרויס די עמיגראַציע; די לעצטע ווערט אַרויסגערופן דורך די אָביעקטיווע כּוחות פון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון די יידישע מאַסן אין זייערע וואוין-לענדער. די פּראָלעטאַרישע באַוועגונג איז נישט בכּוח אָפּצואווענדן מיט געוואַלט די ייד. עמיגראַציע אין דער ריכטונג פון פּאַלעסטינע. זי איז אָבער יאָ אימשטאַנד און דעריבער טאַקע אויך מחויב צו אָרגאַניזירן דעם אינטערעס פון די פּאָטענציעלע עמיגראַנטן דוקא פאַר פּאַלעסטינע.

דאָ איז אין ערשטער ריי אויפקלערונג

וועגן די טענדענצן פון דער ייד. עמיגראַציע און וועגן פּראָגנאָז פון איר באַפרידיקונג. דאָ איז אויך דירעקטע הילף און שטיצע אין זין פון צוגרייטן די עמיגראַנטן צו זייער נייער אַרבעטס-פּאָזיציע.

נאָך וויכטיקער איז דערציען דעם אינטערעס צו דער אַרבעט אין פּאַלעסטינע גופא. מ'קאָן זיך גלייך אָפּפּטרן מיט דער פראַזע, אַז היות, ווי אין פּאַלעסטינע איז נאָך נישט איינגעפירט די פּראָלעטאַרישע הערשאַפט, לכן האָט די אַרבעטערשאַפט נישט צו שטעקן איר נאָז אין פּראָצעס פון ווירטשאַפטלעכן אויפבוי פון לאַנד.

מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, ווי אוטאָפּיש ס'איז צו שטעלן שוין היינט פאַר דער אַרבעטערשאַפט אויפבוי-צילן אַ פּשיטאַ בנוגע אַ סאָציאַליסטישער פּאַלעסטינע. ס'איז אָבער נאָך אַן ערגערע דעמאַגאָגיע צו דרינגען דערפון, אַז וויבאַלד אַזוי, באַטייליקט זיך דער אַרבעטער בכלל נישט אין דעם בויען פון נייעם יישוב, אַז ער פירט בלויז דעם קלאַסן-קאַמף, אונטערגעשטראָכן דערביי דעם פּאָליטישן קלאַסן-קאַמף. דאַן האָט דאָך דער אַרבעטער נישט וואָס צו פאַרבינדן זיך דווקא מיט פּאַלעסטינע. סתם אַרבעט און אַ פּלאַץ פאַר קאַמף קאָן ער געפינען אויך אין אַנדערע לענדער. ביים פאָרן קיין פּאַלעסטינע האָט ער געהאַט נאָך אַ כוונה, אַ באַשטימטן ציל: אַנטייל צו נעמען אַליין אין יענעם גרויסן אין תוך ווירטשאַפטלעכן פּראָצעס, וואָס בויט-אום דאָס יידישע לעבן אויף נייע יסודות און רוקט אַרויס דעם אַרבעטער, אַלס דעם איינציקן טרעגער און פאַרווירקלעכער פון די אידעאַלן וועגן נייעם יידישן אַרבעטער-קאָלעקטיוו.

פון אָט דעם שטאַנדפּונקט איז דער אַרבעטער גרייליך בלויז פאַרינטערעסירט אין יעדער נייער עקאָנאָמישער פּאָזיציע, אויף וויפל דורך איר ווערט פאַרשטאַרקט זיין עקאָנאָמישע מאַכט און ס'ברייטערט זיך אויס זיין קאַמפּס-באַזע.

אַרבעטער-קבוצות, גענאָסנשאַפטן, פּראָדוציר-קאָאָפּעראַטיוון — אפילו „אחדות העבודה" זעט איצט איין דעם אוטאָפּיזם דערפון אַלס וועג צום סאָציאַליזם. אויך אין יענע קרייזן קוקט מען שוין איצט מיט גרויס פּחד אויף דער קאָנקורענץ, וואָס לויערט קעגן דער קאָאָפּעראַציע מצדן פּריוואַטן קאַפּיטאַל.

ס'קאָן אָבער בשום אופן נישט אָפּגעפרעגט ווערן די באַדייטונג פון די אַלע פּרוּוון און אונטערנעמונגען פון שטאַנדפּונקט פון זייער רעאַלן ווערט פאַר דער עקאָנאָמישער פאַרפעסטיקונג פון דער אַרבעטערשאַפט און אַלס שטיץ-פּונקטן פאַר איר ווייטערדיקן קאַמף.

די מורא, אַז אַזאַ אַרט טעטיקייט פירט צו צוזאַמענאַרבעט מיט דער בורזשואַזיע איז אַן אויסגעטראַכטע און האָט נישט קיין שום יסוד. „הפועל הצעיר" און „אחדות העבודה" אַרבעטן צוזאַמען מיט דער ציוניסטישער בורזשואַזיע נישט מחמת זיי באַשעפטיקן זיך ביי קבוצות און קאָאָפּעראַציע, נאָר ווייל זייער גאַנצע נאַציאָנאַליסטישע אידעאָלאָגיע ווערט געשפּייזט פון אַזאַ „כל-ישראל"-אויפפאַסונג, וואָס איז משדך דעם גביר און אַרבעטער אין רירנדער אחדות, אויפצובויען די „נאַציאָנאַלע היים" מיט דער הילף פון „קרן היסוד" און אַנדערע „גאולה"-פאָנדן.

גראָד די ציוניסטישע בורזשואַזיע, וואָס איז מער וואַכזאַם צו אירע קלאַסן-אינטערעסן, קוקט מיט אַ קרום אויג אויף דער קאָאָפּעראַטיווער טעטיקייט פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט אין פּאַלעסטינע און וויל זי אונטערברעכן. מחמת נאָך אַלעמען איז די קאָאָפּעראַציע, לויט איר מהות, פאָרט אַ באַגרענעצונג פון די בירגערלעך-ציוניסטישע ריוח-אַפּעטיטן אין „אייגענעם" לאַנד. אַן אויסגעהאַלטענע פּראָלעטאַרישע פּאָליטיק, וואָס זאָל פּונקט אַזוי גוט אָפּהיטן די אינטערעסן פון דער אַרבעטערשאַפט, וואָלט געוועזן די בעסטע תרופה אַנטקעגן יעדן מין פון קליינבירגערלעכע קאָאַליציע-אָנשיקענישן.

II.

דער קאַמף קעגן בירגערלעכן ציוניזם איז, אָן שום ספק, איינע פון די וויכטיקסטע און קאַרדינאַלסטע אויפגאַבן פון דער ייד. פּראָלעטאַרישער קלאַסן-באַוועגונג.

לײדער ווערט נישט תמיד געזאָרגט דערפאַר, אַז די כוונה פונם דאָזיקן קאַמף, זיין אייגנטלעכער צוועק זאָלן קלאָר אויסגעטייטשט ווערן; גאַנץ אָפט ווערן, דעריבער, אומגערן אָדער בייזוויליק, אַהער צוגעטשעפּעט לגמרי זייטיקע, פרעמדע עלעמענטן, וואָס פירן אַראָפּ דעם גאַנצן ענין אויף אַ פאַלשן וועג.

דער לאָזונג פון „קאַמף קעגן ציוניזם" איז זייער פּאָפּולער, געוויס. ער אַפּעלירט צום בונדיסט, צום יעווסעקציאָניסט און אפילו... צו דער אַראַבישער נאַציאָנאַלער דעלעגאַציע.

קוים אָבער ווערט אין דער אויפקלערונג און פּאָליטישער אַרבעט נישט געשטעלט דער טראָפּ בפירוש אויפן בירגערלעכן ציוניזם, אַז אים און פאַרוואָס אים זענען מיר אויסן מיט אונזער קאַמף, — איז פאַראַן די ערנסטע סכנה, אַז די ווינציקער שטאַנדהאַפטע און אָריענטירונגס-פעיקע עלעמענטן זאָלן זיך לייכט אויסגליטשן און אויפנעמען דעם קאַמף קעגן „ציוניזם בכלל".

זענען מיר דאָך, ווי אַזוי נעכטיקע פּועלי-ציון, וואָס האָבן געפירט די אָנשלוס-אַקציע אין נאָמען פון פּאַלעסטיניזם, ווערן דורך נאַכט ממש פאַרוואַנדלט אין די עקלהאַפטסטע שונאי-ציון און זענען שוין גרייט מיט שוים אויף די ליפּן צו באַקעמפן דעם „ציוניזם אין אַלע זיינע שאַטירונגען".

מ'האָט בשעתה אַראָפּגעשלונגען גלאַטיק די רעזאָלוציע פון צווייטן קאָנגרעס קעגן „ציוניזם בכלל" מיט דער שעדלעכער איינרעדעניש, אַז דערמיט מיינט מען דעם ציוניזם דעם בירגערלעכן, אָבער נישט אונז. והראיה, מען האָט דאָך אָפּגעוואָרפן די רעזאָלוציע פון אסתר-מערעזשין, וואָס איז אויסדריקלעך געווענדעט קעגן פּועלי-ציון.

מיר האָבן אויך דאָ אָנגעוויזן אויף דער פאַלשקייט פון אַזאַ טאַקטיק און אויפגעטרעטן קעגן דער רעזאָלוציע פון צווייטן קאָנגרעס, וועלכע פאַסט-אויף דעם ציוניזם בכלל, אַלס באַוועגונג מיטן ספּעציעלן ציל צו אונטערדריקן די אַראַבישע הערעפּאַשניקעס.

מען טאָר קיינמאָל נישט צונויפמישן די קלאַסן-פּאָליטיק פון די בירגערלעכע עלעמענטן פון פאָלק מיט זיין באַפרייאונגס-באַוועגונג, אין וועלכער ס'זענען פאַקטיש פאַראינטערעסירט די ברייטע פאָלקס-מאַסן נישט צוליב צוועקן פון עקספּלואַטאַציע, נאָר גראָד כדי אַליין איבערצוגיין צו אַ פּראָדוקטיוון לעבן און שאַפנדן קאַמף.

אַזאַ איז אָבער די טבע פון דער בורזשואַזיע, אויסצונוצן פאַר אירע קלאַסן אינטערעסן די באַוועגונג פון די פאָלקס-מאַסן פאַר דער באַפרידיקונג פון זייערע רעאַלע פּראָגרעסיווע באַדערפענישן. דאָך שטערט אונז דאָס קיינמאָל נישט איינצוזען די אמתע אָביעקטיווע סיבות פון דער באַוועגונג און אָפּשאַצן איר אמתן ווערט נישט פון שטאַנדפּונקט פון דער בירגערלעכער פּאָליטיק, נאָר לויט איר אייגענעם סאָציאַלן און קולטורעלן מהות.

די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אויפן מזרח ווערט לעת-עתה געפירט דורך פאָלקס-פיינטלעכע עלעמענטן, וואָס זענען מיט איר לחלוטין נישט אויסן די אינטערעסן פון די מאַסן הערעפּאַשניקעס. פונדעסטוועגן ווערט די באַוועגונג באַגריסט און געשטיצט מצדן אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער-קלאַס, ווייל אין תוך און לויט איר טיפערן זין איז זי אין הסכם מיט די באַדערפענישן פון יענע ברייטע מאַסן און סוף-כל-סוף וועט זי ווערן זייער כלי-זיין אויך אין קאַמף קעגן די איצטיקע פירער און כלומרשטע פאָלקס-באַגליקער. (אָפּגערעדט דערפון, וואָס די באַוועגונג איז אויך היינט צו טאָג אַ הילף-מיטל און שטיץ פונקט פאַרן קאַמף פון אַרבעטער-קלאַס אין אַנדערע לענדער).

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע איז די פאַר-

קערפערונג פונם יידישן בירגערטום, פון זײַנע פֿאַרלאַנגען, אַספּיראַציעס און צילן. איר פּאָליטיק איז, ממילא, די פּאָליטיק פון יידישן בירגערטום. אָביעקטיוו איז זי אין דינסט פונם ענגלישן אימפּעריאַליזם און זײַן פּאָליטיק אויפן מזרח. אָביעקטיוו. סוביעקטיוו איז זי אין דעם באַטייליקט נישט צוליב די אינטערעסן פון ענגלישן אימפּעריאַליזם, נאָר ווײַל עס פּאַלט גרייליך צונויף מיט אירע אייגענע קלאַסן־אינטערעסן און אויסרעכענונגען אין יידישן לעבן.

דאָס טאַקי איז דער הויפּט־סטימול פון אונזער קאַמף קעגן בירגערלעכן ציוניזם. זײַן דינסט דעם ענגלישן אימפּעריאַליזם איז געקומען אַ סך שפּעטער. דאָס האָט צוגעשפּיצט דעם קאַמף, אים צוגעגעבן אַ מער אינטערנאַציאָנאַלן כאַראַקטער און באַדייטונג. אונזער קאַמף איז אָבער אין עצם פיל עלטער דערפון און באַוועגט דורך אַנדערע מאָטיוון.

נאָך לאַנג איידער ס׳איז געווען אַ וועלכע ס׳איז אויסזיכט אויף ענגלאַנדס העגעמאָניע אין פּאַלעסטינע, איז אויפגענומען געוואָרן דער קאַמף פון יידישן פּראָלעטאַריאַט קעגן בירגערלעכן ציוניזם. דאָ האָבן געווירקט גראָד נישט די אויסערלעכע מאָמענטן פון זײַן פּאָליטיק, נאָר דווקא און הויפּטזעכלעך זײַנע פּאָזיציעס און תשוקות אין יידישן לעבן, בפרט אויף וויפל דאָס האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ קאָנצענטרירטער פאָרם אינם אויפוואַכנדן פּאַלעסטינע.

נישט דער אַנטי־ציוניזם האָט דאָ באַוואויגן צום קאַמף, נאָר דווקא דער ציוניזם. דער אַנטי־ציוניזם האָט זיך אָפּגערופט פון דער הויפּט פּאָזיציע, וואו ס׳איז נויטיק און מעגלעך געווען אַמ׳שאַרפסטן אָנצוגרייפן און אַטאַקירן דעם קעגנער — פון פּאַלעסטינע. בײַ דער באַוואוסטזיניקער יידישער אַרבעטערשאַפט האָט געווירקט נישט די קעגנערשאַפט צום געדאַנק וועגן אַ יידישן טעריטאָריאַלן ישוב אין פּאַלעסטינע, נאָר דער אויסדריקלעכער פֿאַרלאַנג, אַז אָט דער דאָזיקער, אין תוך געזונטער און פּרוכטבאַרער סאָציאַלער געדאַנק זאָל רעאַליזירט ווערן אין די אינטערעסן פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט, וואָס עס מיינט ממילא, לויט אירע וועגן, אונטער איר השגחה, בײַ איר דירעקטן אָנטייל.

אויף דעם באָדן פון דער קאָנקרעטער יידישערווירקלעכקייט, אַרום רעאַלע דערשײַנונגען און פּאָזיטיווע אויפטוען האָט זיך געזאָלט פונאַנדערפלאַקערן און געפירט ווערן דער קאַמף פון יידישן פּראָלעטאַריאַט קעגן בירגערלעכן ציוניזם.

ס׳איז אַ קאַמף נישט נאָר צוליב זײַן פּאָליטיק אין שייכות מיט פּאַלעסטינע; דער ציוניזם קעמפט פאַר העגעמאָניע אין גאַנצן יידישן לעבן, אומעטום. דער שורש פון זײַן השפּעה, דער קוואַל פון זײַן מאַכט איז אָבער פּאַלעסטינע. ער עקספּלאָאַטירט דעם סטיכישן כוח פון דער באַוועגונג, וואָס זוכט אומצושיכטן דאָס יידישע פאָלק, פּראָדוקטיווירן דאָס יידישן לעבן, צופירן די יידישע מאַסן צו דער אורפּראָדוקציע און אויסבילדן אַ פעסטע און זיכערע קאַמפס־באַזע פאַרן יידישן פּראָלעטאַריאַט. דאָס אַלץ ווײַל דער ציוניזם אויסנוצן פאַר די קלאַסן־אינטערעסן פון יידישן בירגערטום.

מוז דער קאַמף געפירט ווערן קעגן אים פאַרן כאַראַקטער, וואָס ער גיט דער באַוועגונג, קעגן זײַן פּאָליטיק און שמאָלע בירגערלעכע קלאַסן־כוונות. — אָבער טאַקע צוליבן מער ערפאָלגרייכן רעזולטאַט פונם קאַמף, מוזן גענומען ווערן אין שוץ די עצם לאָזונגען, דאַרפן זיי אויפגענומען ווערן אין זייער טיפערן זין. דען ערשט דאַן קאָנען זיי אויסגענוצט ווערן אַלס דער שאַרפסטער כלי־זיין קעגן ציוניזם.

כל־זמן דאָס יידישע לעבן גופא איז בײַ טיילן פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט הפקר, כל זמן די זעלבע הפקרות און פאַרברעכערישע גלייכגילטיקייט באַציט זיך אויך צו די

ייִדישע אַרבעטער-פּראָבלעמען אין שייכות מיט פּאַלעסטינע, קאָן נישט געפירט ווערן, ווי געהעריק, דער קאַמף קעגן בירגערלעכן ציוניזם. דער קאַמף קעגן „ציוניזם בכלל" באַזייטיקט פונם באַוואוסטזיניקן אָרגאַניזירטן ממשותדיקן קאַמף הונדערטער טויזנטער, וואָס זענען אַליין בלוטיק פאַרינטערעסירט אין דער ראַדיקאַלער פּאַלעסטינישער פאַרענטפערונג פון די אַלע ייד. אַרב.-פּראַגן.

מוז, בכן, געשטעלט ווערן דער טראָפּ אויפן אינהאַלט פון אונזער קאַמף און אָנגעצייכנט ווערן זיין טאַקטישע ליניע.

III.

ביי דעם ייִדישן פּראָלעטאַרישן קאָלעקטיוו איז פאַראַן אַ טיפע אָרגאַנישע פאַראינטערעסירונג אין דער אויפוואַכונג פונם מזרח, ווייל דער דאָזיקער פּראָצעס פאַלט גראָד אָרגאַניש און האַרמאָניש צונויף מיטן פּראָצעס פון וואוקס און אויפשטייג פון דער ייִדישער פּראָלעטאַרישער פּאַלעסטינע. דאָ גילט די געמיינזאַמע באַדערפעניש אין דער אומגעשטערטער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיוו-כחות פון לאַנד, דער שותפותדיקער אינטערעס צו באַפרייען זיך פון יאָך פונם אימפּעריאַליזם און פון די שווערע לאַסטן פון זיין רויבערישער קאָלאָניאַל-פּאָליטיק.

פון דעם דאָזיקן אויסגאַנגס - פּונקט דאַרף באַטראַכט ווערן אויך די פראַגע פון די אַזוי-גערופענע ייִדיש-אַראַבישע באַציונגען. אמת, די ייִדישע אַרבעטער קומען נישט קיין פּאַלעסטינע מיט אַ מיסיע אויפצוקלערן די אַראַבישע האַרעפּאַשנע מאַסן, אָרגאַניזירן זיי צום עקאָנאָמישן און פּאָליטישן קאַמף. דאָס הייסט אָבער בכלל נישט, אַז זיי זענען דערין נישט פאַראינטערעסירט. אדרבא, זיי זענען שוין גראָד זייער פאַראינטערעסירט אין דעם סיי עקאָנאָמיש, סיי פּאָליטיש.

די אַראַבישע מאַסן, צוליב זייער אָפּגעשטאַנענקייט און אומאָרגאַניזירטקייט, בילדן מיט זיך אַן אויסגעצייכנטן מאַטעריאַל פאַר דער שענדלעכסטער, אומבאַגרענעצטער עקספּלאָאַטאַציע און ווערן, אַ דאַנק דעם, אַ כמעט אומבאַזיגבאַרער קאָנקורענט לגבי דעם מער קולטורעלן און פּאָליטיש רייפן ייִדישן אַרבעטער, וועלכער שטיצט זיך דורכאויס אויף דער אָרגאַניזירטער קאָלעקטיווער מאַכט. אָט די עקספּלאָאַטאַציע, אויף וויפל זי שטאַמט פון ייִדישע באַלעבאַטים, שאַפט זי אַ גינציקן באָדן פאַר די ווילדסטע שאָוויניסטיש-נאַציאָנאַליסטישע העצעס צווישן די אַראַבישע מאַסן. אין זייער קולטורעלער בלינדקייט און פּאָליטישער טעמפּקייט זעען די אַראַבישע האָרעפּאַשניקעס נישט איין, אַז די העצע ווערט אונטערגעפּאַקערט גראָד דורך זייערע דורות-לאַנגע פאַרשקלאַפער און פאַרגיפטער, די אייגענע פּריצים, עפענדיס און גייסטלעכע, און זיי לאָזן זיך פאַנגען אין די נעצן פון פּאָליטישע אַוואַנטוריסטן און פעאָדאַלע רעאַקציאָנערן.

פון דאַנען נעמט זיך אויך די פּאָליטישע פאַרפירערישקייט פונם אַראַבישן „נאַציאָנאַלן" קאַמף, וואָס איז מסכים צו דער ענגלישער אָקופּאַציע און ווענדט זיך מיט זיין שאַרף נאָר קעגן דער ייִדישער איינוואַנדערונג. דאָס איז די קלאַסן-אויסרעכענונג פונם אַראַבישן פּריץ, בעת דער קלאַסן-אינטערעס פון דעם אַראַבישן אַרבעטער דיקטירט אים פּונקט דער היפּוך: צו זיין פאַר דער איינוואַנדערונג פון אַרבעט-זוכנדיקע און פּראָלעטאַריש - שאַפנדיקע ייִדן און אָנפירן דעם שאַרפסטן קאַמף קעגן דעם פרעמדן אָקופּאַנט.

דאָ ווערט, אַגב, בולט דער גרונט-חילוק צווישן דער אַראַבישער „נאַציאָנאַלער" באַוועגונג אין פּאַלעסטינע און דער באַוועגונג פאַר באַפרייען דעם מזרח בכלל. אין לעצטן פאַל שטעלט זיך די באַוועגונג אויסדריקלעכע און קלאָרע ווייטגייענדע צילן, וואָס זענען אויסן אראָפּצוּוואַרפן פון מזרח דעם יאָך פון מערב-אייראָפּעישן אימפּעריאַליזם. ס'איז דער קאַמף פון די קאָלאָניעס קעגן דער מעטראָפּאָליע. דאָס איז אין ערשטער ליניע אַ ווירטשאַפטלעכער קאַמף, אויף וויפל

דאָ גייט וועגן אָפּראַטעווען די אייגענע נאַטור-אוצרות און קאָלאָסאַלע שפּייכלערס פון רוי-שטאָפן; ס'איז אַ סאָציאַלער קאַמף, אויף וויפל ס'גייט וועגן באַפרייען די אָרטיקע אַרבעטס-כוחות פון דער אומגעהייערער עקספּלאָאַטאַציע מצדן אַריינדרינגנדן קאַפּיטאַליזם. ס'איז אַ פּאָליטישער קאַמף, ווייל ס'גייט וועגן פולער מלוכהשער אומאָפּהענגיקייט און זעלבשטענדיקייט. די באַוועגונג אַפּעלירט צו די ברייטע פאָלקס-מאַסן, שפּאַרט זיך אָן אויף זייערע ווירקלעכע אינטערעסן און אויף אַזוי פיל שטעלט זי מיט זיך פאָר באמת אַ נאַציאָנאַלע באַוועגונג אין ברייטן זין פון וואָרט.

די אַראַבישע נאַציאָנאַלע באַוועגונג אין פּאַלעסטינע איז די גאַנצע צייט געגאַנגען בפירוש אונטערן לאָזונג פון קאַמף קעגן ציוניזם. דאָס איז זיכער נישט געווען בלויז כדי אָפּצוציען פון זיך די אויפמערקזאַמקייט פונם ענגלישן אָקופּאַנט. אין עצם וואָלט דער אַראַבישער עפענדי מרוצה געווען צו האָבן ביי זיך אויך אויף ווייטער דעם כוח פונם אָקופּאַנט, באַשיצן מיט זיין הילף די אייגענע קלאַסן-פּאָזיציעס און אַזוי אַרום איינפעסטיקן זיין פּאָליטישע ממשלה אין לאַנד. דען אין געגעבענעם פאַל איז דער טרעגער פון פּאָליטישער אָקופּאַציע נישט דערזעלבער, וואָס טראָגט די ווירטשאַפטלעכע עקספּלאָאַטאַציע און די קאָנקורענץ לגבי דעם היימישן פעאָדאַליזם. אונטערן שוץ פון ענגלישן באַגנעט שטייט נישט דער ענגלישער, נאָר יידישער קאָנקורענט. ווערט אין פּאַלעסטינע די באַפרייונגס-באַוועגונג פון דער היימישער באַפעלקערונג צעצווייט, געשפּאָלטן. זי דאַרף זיין געווענדעט סיי קעגן אָקופּאַנט, סיי קעגן דעם נאַציאָנאַלן קאָנקורענט. פירן דעם קאַמף קעגן ביידע מיט אַ מאָל לוינט זיך נישט פאַרן פּריץ. ווענדעט ער די גאַנצע שאַרף קעגן דעם דירעקטן, אוממיטלבאַרן ווירטשאַפטלעכן קאָנקורענט. דאָס איז אים אויך לייכטער, ווייל די ווירטשאַפטלעכע עקספּלאָאַטאַציע באַגרייפן גיכער און נעמען-אויף די דירעקט פאַראינטערעסירטע עקספּלאָאַטירטע האָרעפּאַשניקעס.

אַזאַ באַוועגונג קאָן נאָך האָבן מאָמענטאַלן ערפאָלג. בפרט ווען זי ווערט געשפּייזט און אונטערגעוואָרעמט דורך דער קאָלאָניזאַציע-פּאָליטיק פון דעם בירגערלעכן ציוניזם. ס'איז אָבער אויך קלאָר, אַז זי קאָן נישט רעכענען אויף קיין לאַנגן דויער שוין פּשוט דערפאַר, וואָס אירע היינטיקע פּאָליטישע אָנפירער פאַרמאָגן נישט און זענען, לויט זייער סאָציאַלער לאַגע, נישט מסוגל צו פאַרמאָגן אַ קלאָרן פּאָליטישן ציל, און אָן דעם איז אוממעגלעך אַ קלאָרע פּאָליטישע טאַקטיק.

וואַקלט זיך די באַוועגונג. שפּעקולירט כסדר אויף די אַלגעמיינע געשעענישן אין מזרח אויסער פּאַלעסטינע, וועלכע זי וויל אויסנוצן פאַר אירע ספּעציעלע כוונות אין פּאַלעסטינע.

איז, בכן, דער יידישער אַרבעטער דירעקט פאַראינטערעסירט אין דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער אויפוואַכונג פון די אַראַבישע מאַסן.

דערפון הענגט אָפּ די מעגלעכקייט צו דיפערענצירן סאָציאַל און קריסטאַליזירן פּאָליטיש די אַראַבישע באַוועגונג אין פּאַלעסטינע. דאָס קאָן געשען נאָר דורך דער אָרגאַניזירונג פון די אַראַבישע מאַסן. די דאָזיקע אַרבעט האָט אַ קאַרדינאַלן אינטערעס פאַרן יידישן אַרבעטער. דער אינטערעס איז דאָ אָבער נישט פון אַ מיסיאָנער, וואָס גייט ראַטעווען נשמות און אויסלייזן אַ וועלט. ס'איז דער נאַטירלעכער און באַרעכטיקטער קלאַסן-אינטערעס פונם ייד. אַרבעטער, וואָס וויל אויפן נאַטירלעכן און באַרעכטיקטן וועג פאַרפעסטיקן זיין עקאָנאָמישע פּאָזיציע און גאַראַנטירן זיך אַ קאַמפס-מעגלעכקייט.

די אַרבעטס- און קאַמפס-אינטערעסן פון די יידישע און אַראַבישע האָרעפּאַשנע מאַסן זענען נישט אין סתירה, אויף וויפיל ס'רעדט זיך לכתחילה, אַז דער אונטערשלאַק און דער לייט-מאָטיוו איז ביי ביידן אַ פּראָלעטאַרישער און אַז אויף דעם געביט טאָרן נישט געמאַכט ווערן קיינע הנחות סיי דער אַראַבישער, סיי דער יידישער בורזשואַזיע.

פֿון פּראָלעטאַרישן שטאַנדפּונקט איז, נאַטירלעך, אַ שטות צו רעדן וועגן דעם, אַז דאָס יידישע פֿאָלק, אַלס מזרח פֿאָלק האָט איצט אַ ספּעציעלע שליחות אין מזרח. די שטות ווערט נישט געמינערט, אויב אַנשטאָט דעם גאַנצן פֿאָלק איז מען מיט דער דאָזיקער ראָליע מכבד דעם אַרבעטער־קלאַס.

די אַרבעטערשאַפֿט ווייסט נישט פֿון באַזונדערע געאָגראַפֿישע מאַפּעס דאָרט, וואו עס גייט וועגן די גרונט־פּרינציפּן פֿון איר קאַמף. די טאַקטיק אירע מוז, נאַטירלעך, זיין צוגעפּאַסט צו די פֿאַרשירענע סאָציאַל־פּאָליטישע פֿאַרהעלטנישן. דער עיקר ווערט אָבער נישט געענדערט.

דאָזעלבע גילט בנוגע פּאַלעסטינע. די פּרינציפּן זענען נישט קיין ספּעציפֿיש מזרחדיקע, נאָר אינטערנאַציאָנאַלע. דער אויסגאַנגס פּונקט — דער קלאַסן־אינטערעס. דער וועג דערצו איז איינער — פֿאַרשטענדיקונג און מיטאַרבעט פֿון די אַרבעטער פֿון ביידע פֿעלקער אויפֿן באָדן פֿון זייערע קלאַסן־אינטערעסן.

קיין אַנדער „אַראַבישע פֿראַגע“ איז פֿאַר יידישן אַרבעטער נישטאָ.

א. שאַווסקי / קאָאָפּעראַציע אין פּאַלעסטינע

ביז דער וועלט־מלחמה, דאָס הייסט ביז דער איצטיקער תקופֿה פֿון די סאָציאַלער איבערקערעניש, זענען שטרענגע מאַרקסיסטן קיין מאָל נישט געווען באַזונדערס באַגייסטערט פֿון דער קאָאָפּעראַציע בכלל און פֿון דער פּראָדוציר־קאָאָפּעראַציע בפֿרט (פֿאַרוואָס וועלן מיר זען שפּעטער). — איצט אָבער איז צו באַמערקן אַ געוויסע ענדערונג אין דער באַציִונג. די סיבות דערפֿון זענען גאַנץ פֿאַרשטענדלעך: אין דער איצטיקער תקופֿה מוז זיך די אַרבעטערשאַפֿט אַליין אָנהייבן גרייטן צו עקאָנאָמישער זעלבסטשטענדיקייט און די קאָאָפּעראַציע אַנטוויקלט די זעלבסטאַקטיוויטעט אַפֿילו ביי די אָפּגעשטאַנענסטע אַרבעטער־מאַסן. איך שטעל זיך נישט אָפּ באַריכות אויף דער דאָזיקער פֿראַגע, ווייל עס איז שוין נישט איין מאָל מיר אויסגעקומען גענויער זיך אויף דעם ענין אָפּצושטעלן. איצט וואָלט איך מערנישט געוואָלט אָנווייזן, אַז אויב ראַטן־רוסלאַנד פֿאַרנעמט אין דער דאָזיקער פֿראַגע גאָר אַ ספּעציעלן אָרט, אַלס אַ לאַנד, וואו דער אַרבעטער איז ביי דער מאַכט, מוז מען אָבער ביי אַלע איבעריקע לענדער אָפּגעבן זיך אַ גענויען דין־וחשבון וועגן דער ראָלע, וואָס עס שפּילט די קאָאָפּעראַציע און ספּעציעל די פּראָדוציר־קאָאָפּעראַציע.

מיר מוזן זאָגן, אַז די מאָמענטן, וועלכע האָבן אונז פֿון שטענדיק אָן געשטערט צו זיין אָנהענגער פֿון דער פּראָדוציר־קאָאָפּעראַציע ווירקן אויך אין דער איצטיקער תקופֿה.

ביי דער נעגאַטיווער באַציִונג צו דער פּראָדוציר־קאָאָפּעראַציע האָבן געשפּילט אַ ראָליע איין מאָמענט פֿון צוועקמעסיקייט און דער צווייטער אַ פּרינציפּיעלער. דער פּרינציפּיעלער מאָמענט באַשטייט אין דעם, וואָס די קאָאָפּעראַציע (פּראָדוציר) ווערט געטריבן מיטן צוועק צו פּראָספּערירן. וויבאַלד אָבער, אַז זי פּראָספּערירט, מוז זי זיך פֿאַרגרעסערן, דאָס הייסט: אַריינעמען נייע מיטגלידער. די אַלטע, האָבנדיק שוין אַ גוט געשעפֿט אין האַנט, פֿאָדערן פֿון די נייע, זיי זאָלן אַריינטראָגן אַן אַנטשפּרעכנדן טייל פֿון דעם קאַפּיטאַל, וואָס ליגט שוין אין דער אונטערנעמונג. היות, ווי פּשוטע אַרבעטער האָבן עס נישט, ווערט עס אַ פּריווילעגיע פֿאַר דער אַרבעטער־אַריסטאָקראַטיע אין בעסטן פֿאַל; אין ערגסטן פֿאַל מוז מען אָנקומען צו געדונגענע אַרבעטער אין אָנגעשטעלטע. דאָס

פֿאַרוואַנדלט דעם פּראָדוציר-קאָאָפּעראַטיוו אין אַ ריין קאַפּיטאַליסטישער אונטערנעמונג מיט דעם אונטערשיד, וואָס אָנשטאָט אַ יחיד איז דער בעל-הבית אַ גרופּע פֿון יחידים, אייגנטלעך כּמעט אַן אַקציען-געזעלשאַפֿט. ווייל מיט דער צייט הערן-אויף די ערשטע מיטגלידער פֿון דער קאָאָפּעראַציע אַליין צו אַרבעטן.

אָט די אַנטוויקלונג האָבן מיר געזען אין צענדליקער פֿאַלן. גענוג איז צו דערמאָנען דעם קאָאָפּעראַטיוו פֿון קעלנערס אין פּעטערבורג (אין יאָר 1915—16), דעם קאָאָפּעראַטיוו פֿון קעלנערס אין וואַרשע, אַ טייל פּראָדוציר-קאָאָפּעראַטיוון אין פּאַלעסטינע. די פֿראַגע וועגן געדונגענע אַרבעטער האָט בשעתו געבראַכן די ענגלישע קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג אין די אַכציקער יאָרן, ווען זי האָט זיך צעטיילט אויף די אַזוי גערופֿענע „אידעאַליסטן" — וואָס זענען געווען קעגן געדונגענע אַרבעטער און „פּראַקטיקער" — פֿאַר געדונגענע אַרבעטער. אויף דער פֿראַגע מאַטערן זיך נאָך עד היום די אַרבעטער אין פּאַלעסטינע.

דער מאָמענט פֿון צוועקמעסיקייט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די פּראָדוציר-קאָאָפּעראַטיוון זענען פֿון פֿאָרויס געווען פֿאַרמשפּט צום אונטערגאַנג. אַ חוץ איינצעלנע פֿאַלן, איז אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפֿט דער אינערלעכער מאַרק כּמעט שוין אין גאַנצן פֿאַרנומען — די פּראָדוציר-קאָאָפּעראַטיוון רעכענען דאָך כּמעט אויסשליסלעך אויף [דעם אינערלעכן מאַרק*). ווען, אַלזאָ, עס קומט אויפֿן פּלאַץ די פּראָדוציר-קאָאָפּעראַציע, באַגעגנט זי זיך שוין מיט אַ שטאַרקער קאָנקורענץ מצדן פּריוואַטן קאַפּיטאַל. אַפֿילו בײַ גלייכע באַדינגונגען האָט דער פּריוואַטער קאַפּיטאַל אַ סך פּליוסן לגבי דער אַרבעטער-קאָאָפּעראַציע. ער איז אָרגאַניזירטער און שלאַגפֿאַרטיקער, און אַגב נישט דער ערך [גרעסער ווי דער קאָאָפּעראַטיווער קאַפּיטאַל. ווער רעדט נאָך, ווען דער מאַרק איז שוין פֿאַרנומען און דער קאָאָפּעראַטיווער קאַפּיטאַל [דאַרף אַרויסשטויסן דעם פּריוואַטן פֿון די שוין פֿאַרנומענע [פּאָזיציעס—דאַן איז די לאַגע אַ ביטערע ביז גאָר.

דעריבער זעען מיר, ווי דער רוב פּראָדוציר קאָאָפּעראַטיוון גייען אונטער. אין דעם פּרט האָבן מיר שוין געהאַט אַ גענוג רייכע דערפֿאַרונג אין מערב-גאַליציען. דערמיט איז אויך צו ערקלערן דעם אינטערעסאַנטן פֿאַקט, וואָס די גרעסטע אין דער וועלט קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפֿט, די ענגלישע געזעלשאַפֿט פֿון הורט איינקויף (C.W.S.) האָט אין יאָר 1917 פֿאַראייניקט אין זיך 1059 קאָנסום-קאָאָפּעראַטיוון, 89 לאַנדווירטשאַפֿטלעכע קאָאָפּעראַטיוון און נאָר 22 פּראָדוציר קאָאָפּעראַטיוון, און 22 פֿון געמישטן טיפּ*).

---

*) אוודאי זענען אַזעלכע קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפֿטן, ווי די ענגלישע געזעלשאַפֿט פֿון הורט איינקויף (C.W.B.) — אַן אויסנאַם. די געזעלשאַפֿט אַרבעט יאָ אויפֿן אויסלענדישן מאַרק — אָבער די צאָל פֿון פּראָדוציר-קאָאָפּעראַטיוון אין איר איז זייער קליין (זע ווייטער).

*) בײַ מאַרקסן (אין „בירגערקריג אין פֿראַנקרײַך") געפֿינען מיר אַ זאַץ, וועלכן די אָנהענגער פֿון די פּראָדוציר-קאָאָפּעראַטיוון וועלן ווען אויסטייטשן אַלס אַפּאָלאָגיע פֿון די דאָזיקע קאָאָפּעראַטיוון.

„יענע מענטשן פֿון די הערשנדיקע קלאַסן, וואָס זענען גענוג פֿאַרשטענדיק כּדי איינצוזען, אַז דער איצטיקער סיסטעם קען ווייטער נישט דויערן — און אַזעלכע זענען דאָ אַ סך — זענען געוואָרן די העפֿטיקסטע און שרייעוודיקסטע אַפּאָסטאָלן פֿון דער גענאָסנשאַפֿטלעכער פּראָדוקציע. ווען אָבער די גענאָסנשאַפֿטלעכע פּראָדוקציע זאָל נישט בלייבן אַ פּוסטער שיין און שווינדל, ווען זי זאָל אַרויסשטויסן די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע, ווען דער פֿאַרבאַנד פֿון די גענאָסנשאַפֿטן זאָל אָנפֿירן מיט דער נאַציאָנאַלער פּראָדוקציע לויט אַ בשותּפֿותן פּלאַן, נעמען זיי דערמיט אונטער זיין אָנפֿירונג און מאַכן אַ סוף צו דער שטענדיקער אַנאַרכיע און די פּעריאָדיש איבערגעחזרטע קאָנוואַלסיעס, וואָס זענען דער אומפֿאַרמײַדלעכער גורל פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע — צי וואָלט עס געווען עפּעס אַנדערש, מײַנע הערן, ווי קאָמוניזם, דער אוממעגלעכער קאָמוניזם?!" (ז. 53) ווען מען טראַכט זיך אָבער אַרײַן אין דעם זאַץ, קען מען פֿאַרשטיין, אַז דאָס האָט מאַרקס געוואָלט זײַנע קעגנער אויפֿווײַזן, אַז אייגנטלעך פֿירט קאָנסעקווענטער קאָאָפּעראַטיוויזם צום קאָמוניזם, צו איז עס אָבער מעגלעך צו

אָט אָ די צוויי מאָמענטן, דער פּראַקטישער און דער פּרינציפּיעלער, ווירקן אויך איצט אויף סאָוויעט־רוסלאַנד. אָבער אויך אין פּאַלעסטינע איז די לאַגע פֿון די פּראָדוציר קאָאָפּעראַציון אַן אַנדערע ווי אין דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער וועלט. אין פּאַלעסטינע הויבט זיך אָן צו אַנטוויקלען דער קאַפּיטאַליזם. איך וואָלט נישט וועלן, אַז מען זאָל מיך כאַפּן בײַם וואָרט, און פֿון דעם אַרויסדרינגען, אַז איך מיין, אַז פּאַלעסטינע מוז דורכמאַכן דעם גאַנצן קאַפּיטאַליסטישן אַנטוויקלונגס־פּראָצעס, וואָס האָט דורכגעמאַכט אייראָפּע, יאַפּאַן און אַמעריקע. דער מאַרק איז נאָך כמעט ווי פֿריי — די אַרבעטער־קאָאָפּעראַציע האָט די מעגלעכקייט דאָרט פֿאַרכאַפּן דעם פּלאַץ, איידער עס קומט אָן דער טיכטיקער קאָנקורענט, דער פּריוואַט קאַפּיטאַל. דעריבער האָט די פּראָדוציר־קאָאָפּעראַציע דאָרט שאַנסן אויף ערפֿאָלג.

די פּראַקטיק האָט עס טאַקע באַוויזן. אמת, די פּראַקטיק האָט אויך באַוויזן, אַז אַ טייל קאָאָפּעראַטיוון זענען דאָרט נכשל געוואָרן, ווי מיר האָבן פֿריער דערמאָנט, אויפֿן פּרינציפּיעלן מאָמענט — זיי זענען געוואָרן פּריוואַטע אינטערנעמונגען. קעגן דעם מוז געקעמפֿט ווערן גאָר אויף אַן אַנדער אופֿן. נאָר דאַן, ווען די קאָאָפּעראַציע וועט ווערן אַן אייגנטום נישט פֿון די מיטגלידער, וואָס אַרבעטן אין איר, נאָר פֿון גאַנצן כּלל אַרבעטער, נאָר דאַן וועט די פּרינציפּיעלע מניעה אויך באַזייטיקט ווערן. אוודאי, פֿון שטאַנדפּונקט פֿון די פֿריש־געבאַקענע פּאַלעסטינע־טעאָרעטיקער, וועלכע האַלטן, אַז מען מוז פֿירן קלאַסן־קאַמף לשם קלאַסן־קאַמף, איז עס אַ שלעכטער אויסוועג. ווײַל די מיטגלידער פֿון דער קאָאָפּעראַציע וועלן, למשל, נישט קענען שטרײַקן קעגן דער גאַנצער אַרבעטערשאַפֿט אָבער פֿון שטאַנדפּונקט פֿון די, וואָס האַלטן אַ שטייגער, אַז מיטאַרבעטער אין פּאַרטייאישע אַנשטאַלטן טאָרן נישט שטרײַקן, אַז זעצערס אין פּאַרטייאישע דרוקערייען דאַרפֿן אַרבעטן נישט לויט טאַריפֿן, נאָמינירטע אין פֿאַרײַן, נאָר פּונקט ווי דאָס טוען די רעדאַקטאָרן און די מיטאַרבעטער — פֿאַר זיי איז עס אַ גלײַכער אויסוועג.

און נאָך איין אונטערשייד איז פֿאַראַן צווישן דער פּראָדוציר־קאָאָפּעראַציע אין אייראָפּע און אין פּאַלעסטינע. דער פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוו אין אייראָפּע איז „קאָנסטרוקטיווע הילף" פֿאַר די און נאָר פֿאַר די, וואָס האָבן דאָס גליק צו ווערן מיטגלידער אין דער אינטערנעמונג (ווי ווײַט די הילף איז קאָנסטרוקטיוו, האָבן מיר געזען). אין פּאַלעסטינע איז די אָרגאַניזירונג פֿון פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון נישט נאָר קאָנסטרוקטיווע הילף פֿאַר יחידים, נאָר אַ מיטל צו אַנטוויקלען די אינדוסטריע אין לאַנד, געבן די מעגלעכקייט אײַנצוּוואַנדערן פֿאַר נײַע ייִדישע אַרבעטער און צוציִען זיי צו אַקטיווער אַרבעט — דאָס איז קאָנסטרוקטיווע הילף פֿאַרן אַרבעטער־קלאַס.

דער אַרבעטער־הילף־קאָמיטעט אין אַמעריקע, וואָס שטעלט זיך פֿאַר אַן אויפֿגאַבע צו אָרגאַניזירן די זעלבשטענדיקע פּראָלעטאַרישע הילף פֿאַר די ייִד. אַרב. אינסטיטוציעס מעבר לים, האָט בדעה צו גרינדן אַ פֿינאַנץ־אינסטיטוט, וואָס זאָל שטיצן די קאָאָפּעראַציון. דאַרף ער אין דער ערשטער ריי שטיצן די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג אין רוסלאַנד און אין פּאַלעסטינע, ווײַל אין די ביידע לענדער האָט די קאָאָפּעראַציע ברייטערע און טיפֿערע ציִלן. אין דער צווייטער ריי דאַרף ער שטיצן די קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוון אין פּוילן, ליטע, לאַטוויע. מיר וואָרענען אָבער דעם אַרבעטער־הילפֿס־קאָמיטעט פֿון שטיצן פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון אין די לעצטע לענדער — דאָס וועט זײַן, ווי די פּראַקטיק אין פּוילן און אין עסטרײַך האָט געוויזן — אַרויסגעוואָרפֿענע געלט.

פֿאַרווירקלעכן — דאָס איז שוין אַן אַנדער זאַך, וועגן וועלכער מאַרקס רעדט דאָ גאָרנישט. אדרבא, אין די פֿאַר ווערטער וועגן „פּוסטן שווינדל" קאָן מען דווקא אַרויסזען, אַז מאַרקס האָט פֿון דער קאָאָפּעראַטיווער פּראָדוקציע גאָרנישט געהאַלטן.

ש—ן / פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזירונג

די פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזירונג פון די יידישע אַרבעטער אין ארץ-ישראל שטויסט זיך אָן אויף אַ שונא, וואָס באַקעמפט זי ביטער מיט אַלע מיטלען. דאָ זענען מיר אויסן נישט די אונטערנעמער נאָר דווקא די „אַלגעמיינע אַרבעטער אָרגאַניזאַציע". אָפיציעל וועט זי עס נישט צוגעבן. אדרבא, די פירער פון דער „הסתדרות" וועלן אייך אויפווייזן מיט ראיות, אַז זיי זענען גאָר אַליין געווען די איניציאַטאָרן צו אָרגאַניזירן פּראָפעסיאָנעל די אַרבעטערשאַפט. דאָך איז אַ פאַקט, נישט צום אָפלייקענען, אַז די רייבונגען צווישן די פּראָפ. פאַריינען און הסתדרות ווערן אַלץ אָפטערע און שאַרפערע. אין יפו איז אַפילו געקומען צו אַן אָפענער שפּאַלטונג; די פּראָפ. פאַריינען האָבן זיך באַזונדער אָרגאַניזירט און די הסתדרות ווענדעט אָן קעגן זיי דעם ווילדסטן טעראָר...

וואו איז די סיבה פון די רייבונגען, ביי וועלכן פונקט גייען זיך פונאַנדער די קעמפנדע צדדים? די דאָזיקע פראַגע איז אַן ערנסטע און וויכטיקע ביז גאָר, און ס'איז כדאי יעדער אַרבעטער זאָל זיך מיט איר גוט באַקענען. ער וועט דערפון, אָן ספק, אַ סך לערנען ביים אָפּשאַצן די פאַרשידענע כוחות, וואָס ווירקן אין דער יידישער אַרבעטערשאַפט פון פּאַלעסטינע.

אין תוך גענומען, איז די פראַגע נישט ניי אַפילו פאַר ארץ-ישראל. שוין מיט יאָרן צוריק איז זי געווען פון די שטרייט-פונקטן צווישן פועלי-ציון און הפועל הצעיר. צי האָט דער יידישער אַרבעטער אין ארץ-ישראל קלאַסן אינטערעסן, און צי דאַרף מען אים אָרגאַניזירן אויפן יסוד פון קלאַסן-קאַמף?

„הפועל הצעיר" האָט דערויף געענטפערט מיטן פולן מויל: ניין. אין ארץ-ישראל ווילן מיר נישט וויסן פון קלאַסן טיילונג און, ממילא, פון קלאַסן-קאַמף. אונזער אויפגאַבע דאָ איז אַ נאַציאָנאַלע. דער קלאַסן-קאַמף צושטערט, צוברעקלט. מיר דאַרפן דאָ פאַראייניקן, אויפבויען דאָס יידישע פאָלק. געוויס זענען מיר קעגן עקספּלואַטאַציע, קעגן אומגלייכקייט. דאָס איז נישט עטיש. אַרבעט איז דער עיקר פון לעבן. דאָס ייד. פאָלק אין ארץ-ישראל וועט אויפגעבויט ווערן דורך אייגענער אַרבעט. אַלע דאַרפן דאָ ווערן אַרבעטער—איז נישטאָ קיין פּלאַץ פאַר קלאַסן-קאַמף.

פועלי ציון האָבן פאַרטראָטן דעם שטאַנדפונקט, אַז די יידישע אַרבעטער קומען צום ציוניזם צוליב קלאַסן-אינטערעסן. טאָרן זיי אויך אין פּאַלעסטינע נישט מוותר זיין אויף די קלאַסן-באַדערפענישן. אָבער אויך די אַנדערע עלעמענטן פון יידישן פאָלק קומען אַהער נישט צוליב סתם נאַציאָנאַלע מאָטיוון, נאָר צוליב קלאַסן-אינטערעסן. מוז אַרויסשפּראָצן דער קלאַסן-קעגנזאַץ צווישן די אינטערעסן פון דיביידע גרופּן, און דער קלאַסן-קאַמף איז אומפאַרמיידלעך. דער אַרבעטער מוז דאָ, בכן, לכתחילה אָרגאַניזירט זיין אויפן באָדן פון זיין קלאַסן-לאַגע. דער יסוד, דער קערן איז די פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציע.

ס'איז, אַלזאָ, געווען די מחלוקה וועגן דעם, ווי זאָל מען אויפפאַסן די אויפגאַבן פון דער ייד. אַרבעטערשאַפט אין ארץ-ישראל. הפועל הצעיר האָט אַרויסגערוקט דעם נאַציאָנאַלן מאָמענט און באַקעמפט דעם קלאַסן-מאָמענט. די פועלי ציון האָבן אַלס יסוד אַרויסגערוקט דעם קלאַסן-אינטערעס און ערשט דורך אים באַשטעטיקט און באַלויכטן די באַזונדערע נאַציאָנאַלע אויפגאַבן.

ווייל הפועל-הצעיר האָט געזען דעם עיקר אין דעם נאַציאָנאַלן מאָמענט, — האָט ער נישט געוואָלט וויסן פון קיין קלאַסן-וועג. פועלי-ציון האָבן געהאַט אין אויג דעם קלאַסן-פּרינציפּ, — האָבן זיי אויך פאַר די נאַציאָנאַלע מאָמענטן נישט געהאַט קיין אַנדער וועג, ווי די קלאַסן-ליניע.

ביי יעדן סיכסוך, ביי יעדן שטרייק, אין שטאָט צי אין דאָרף, פֿלעגט די פֿראַגע פֿון ס'ניי אויפֿשווימען; „הפועל הצעיר" האָט בשום אופֿן נישט געוואָלט אָנערקענען די נייטיקייט פֿון „עקאָנאָמישן קאַמף". ער האָט געקאָנט איינגיין אפֿילו אויף א שטרייק, למשל, קעגן נישט-„מענשלעכער" באַהאַנדלונג, אָבער נישט פֿאַר ווינציקער ארבעטס-שעהן, צי העכערן לוין.

אין דעם פּרט האָט ער אַן אָנשפּאַר געהאַט אין די איינגעוואַנדערטע אידעאַליסטן-חלוצים, וועלכע זענען געווען ס'רוב באַוואָפֿנט מיט וואָס איר ווילט, נאָר נישט מיטן עלעמענטאַרן קלאַסן-אינסטינקט, וועלכע רעדט שוין פֿון קלאַסן-באַוואוסטזיין. אויפֿגעפֿלאַמט פֿון דער ציוניסטישער ראָמאַנטישער מליצה, האָבן זיי זיך געזוכט „מקריב זיין" פֿאַרן פֿאָלק. זיי זענען געוואָרן ארבעטער, נישט על פּי גויט, נאָר לשם אידעאַל. האָבן זיי די עקספּלאָאַטאַציע אָנגענומען פֿאַר ליב און זיך באַמיט צו זיין מסתפּקים במועט. אויף דעם וועג פֿון אויסבעסערן דעם יחיד דורך באַהעפֿטן אים צו די קוואַלן פֿון ארבעט און יצירה געוואָלט ברענגען די גאולה פֿאַרן כלל.

דעם דאָזיקן עלעמענט פֿון „נאַציאָנאַלע ארבעטער" איז, פֿאַרשטייט זיך, אַמשווערסטן צו אָרגאַניזירן אויפֿן יסוד פֿון קלאַסן-אינטערעסן; ער רעדט לגמרי אויף אַן אַנדער שפּראַך, ווי דער געוויינלעכער אַרבעטער, וואָס איז עס נישט לשם אידעאַל נאָר לויט זיין סאָציאַלער לאַגע.

דערמיט דערקלערט זיך טאַקע, וואָס אַזאַ משונה-אומגעלומפּערט פּאַרזעניש, ווי הפועל הצעיר קאָן אָנהאַלטן אין ארץ-ישראל גאַנצע אָנדערטהאַלבן צענדליק יאָר. ער שפּייזט זיך כסדר פֿון דער נייער „אידעאַליסטישער" איינוואַנדערונג פֿון אומארבעטנדע עלעמענטן. בלייבן זיי אָבער אין לאַנד און טאַקע ביי דער אַרבעט, — פֿאַרלאָזן זיי אים און דאַן מוז ער ווייטער אויס-קוקן די אויגן אויף צוגעקומענע פֿון דרויסן, וואָס זענען נאָך לעת עתה נישט „נכשל" געוואָרן אין דער אומברחמנותדיקער ארץ-ישראלדיקער ווירקלעכקייט.

ס'איז אונטערגעקומען די מלחמה. ארץ-ישראל איז אָפּגעשניטן געוואָרן פֿון דער וועלט. אויס נייע צוגעקומענע. די פֿאַרבליבענע האָבן זיך מער דערנענטערט צווישן איינאַנדער. מ'האָט זיך אַרומגעזען, אַז מ'לעבט אין די זעלבע באַדינגונגען, מ'האָט פּאַקטיש די זעלבע באַדערפֿעניש. דער ציל דער זעלבער. פֿאַרוואָסושע זאָלן די וועגן זיין פֿאַרשידענע? אויפֿגעקומען דער געדאַנק פֿון „אחדות העבודה". פֿאַראייניקן די ארבעט. וואָלט דאָס ציל געווען די פֿאַרייניקונג פֿון די אַרבעטער, דאַן וואָלט געמוזט געשאַפֿן ווערן אַ קלאַסן-אָרגאַניזאַציע מיט קלאָרע קלאַסן-צילן און קלאַסן-מעטאָדן פֿון קאַמף.

אין יסוד איז אָבער גענומען געוואָרן די ארבעט. במילא זענען געקומען אין באַטראַכט נישט נאָר אַרבעטער ביי יענעם, נאָר אויך אַרבעטער ביי זיך, אויף זיך, ווי בכלל „די וואָס לעבן נישט פֿון פֿרעמדער עקספּלאָאַטאַציע".

ס'איז געשאַפֿן געוואָרן „די אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציע פֿון די יידישע אַרבעטנדע אין ארץ-ישראל". נישט פֿון אַרבעטער, נאָר פֿון ארבעטנדע. פֿאַרשטייט זיך, אַז זי קאָן זיך נישט בויען אויפֿן קלאַסן-פּרינציפּ; זי נעמט דאָך אַרום פֿאַרשידענע סאָציאַלע עלעמענטן, וואָס אויב אפֿילו זיי לעבן נישט פֿון פֿרעמדער אַרבעט, זענען אָבער זייערע אינטערעסן נישט די זעלבע. וואָס ביי די לוין-ארבעטער.

אַ גרויסן פּראָצענט פֿון דער מיטגלידערשאַפֿט פֿון דער „הסתדרות" שטעלן-פֿאַר די מיט-גלידער פֿון פֿאַרשידענע קבוצות, קאָאָפּעראַטיוון און מושבי עובדים. די דאָזיקע אַלע ווירט-שאַפֿטלעכע גרופּירונגען זענען פּאַקטיש זעלבשטענדיקע אונטערנעמונגען, וואו די מיטגלידער אַליין זענען אויך די בעלי-בתים.

ציטנווייז מוזן זיי אָנקומען צו געדונגענער אַרבעט פֿון דרויסן. דאַן איז נאָך בולטער דער אינטערעסן-קעגנזאַץ צווישן די אַרבעטער-מיטגלידער פֿון דער קבוצה און די אַרבעטער געדונגענע צייטווייליק. די גאַנצע פּסיכאָלאָגיע פֿון די קבוצה-מיטגלידער איז אַן אַנדערע און האָט גאָרנישט צו טאָן מיט קלאַסן-קאַמף און איינפֿאַכן זין פֿון וואָרט.

פֿאַראַן נאָך אַן עלעמענט. די הסתדרות האָט אָנגעהויבן נעמען אַרבעט בקבלנות, אַלס אונטערנעמער. דאָס איז אַ גוטער מיטל צו קאָנקורירן מיטן פּריוואַטן אונטערנעמער. דערביי אָבער ווערט ביי די דאָזיקע אונטערנעמער-גרופּן ווידער אַמאָל געשאַפֿן אַן אַנדער פּסיכאָלאָגיע. זיי זענען מרוצה אָפּמאָל אַראָפּצולאָזן פֿון פּרייז, אַרבעטן מער, אַבי אויסצוקאָנקורירן און אַרויסשטויסן דעם פּריוואַטן אונטערנעמער.

געוויס האָבן אי די פּראָדוציר-קאָאָפּעראַציע, אי די אונטערנעמער-גרופּע אַ גרויסן ווערט פֿאַר דער אַרבעטערשאַפֿט, אַ בשיטא אין ארץ-ישראל. דען אויף אַזאַ אופֿן ווערן פֿאַרמערט און פֿאַרפֿעסטיקט ווירטשאַפֿטל-פּאָזיציעס פֿאַר דעם יידישן אַרבעטנדן קאָלעקטיוו דאָרט. מען טאָר, אגב, נישט מאַכן דעם פֿאַלשן חשבון און מיינען, אַז אויף אַזאַ אופֿן קאָן מען טאַקע בכלל פּטור ווערן פֿונם פּריוואַטן קאַפּיטאַל און נישט אָנקומען צו געדונגענע אַרבעטער. פּונקט, ווי ס'איז פֿון תמיד געווען די גרעסטע אילוזיע צו חלומען, אַז די קאָאָפּעראַציע איז שוין דער יסוד פֿון דער סאָציאַליסטישער פּאַלעסטינע.

וואָס איז אָבער שייך צו אונזער ענין, גייט אונז דאָ נאָר וועגן איין זאַך, היינו: אויפֿצואווייזן, אַז די הכתדרות גופֿא אַלס אַזעלכע איז בשום אופֿן נישט קיין פּראָפֿעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציע. זי קאָן גאָר דערויף נישט פּרעטענדירן. מוז, בכן, ווען נויטיק, אין אירע ראַמען, עקזיסטירן אַ ספּעציעלע פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראייניקונג פֿון די אַרבעטער, וועלכע זאָל אָפּהיטן די פּראָפֿעסיאָנעלע אינטערעסן זייערע און פֿאַרטיידיקן זיי אין נויטיקן פֿאַל מיט די אָנגענומענע מיטלען פֿון פּראָפֿעסיאָנעלן קלאַסן-קאַמף.

זענען דאָך געווען פֿאַקטן אין די לעצטע יאָרן, ווען אַרבעטער זענען געקומען אין שאַרפֿע עקאָנאָמישע קאָנפֿליקטן מיט דער הכתדרות גופֿא דאָרט וואו זי איז אויפֿגעטרעטן אַלס אונטערנעמערין און פֿאַרבויגן די עלעמענטאַרע אינטערעסן פֿון די באַשעפֿטיקטע ביי-איר אַרבעטער.

זאָל זיין, אַז זי האָט דערביי געהאַט גאָר „געהויבענע" כוונות פֿון ראַטעווען דאָס יידישע פֿאָלק און דורך אויסגעברייטערטע ראַמען פֿון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אויפֿבויען דאָס לאַנד.

דערווייל אָבער איז אנטשטאַנען דער ווידערשפּרוך צווישן דער מאַסע אַרבעטער, וואָס נויטיקן זיך אין אַ פּראָפֿעסיאָנעלער אָרגאַניזאַציע אויפֿן יסוד פֿון זייערע קלאַסן-באַדערפֿנישן, און די פֿירער פֿון דער „הכתדרות", וואָס טראָגן זיך נאָכאַנאַנד אַרום נאָר מיט אַלגעמיינע גאולה'דיקע קאָלאָניזאַציאָנס-צילן.

פֿון דעם געזאָגטן ביז צוהער איז שוין קלאָר, אַז דער סכסוך איז נישט קיין צופֿעליקער און אים איז כלל נישט אַזוי גרינג אָפּצופּאַטערן. ס'איז אַ גרונט-פֿראַגע. איינער פֿון די וויכטיקסטע עיקרים. פֿון דער ריכטיקער תשובה הענגט אָפּ גאָר אַ סאַך.

פֿאַר די לעצטע עטלעכע יאָר פֿון נאָך דער מלחמה זענען אין לאַנד צוגעקומען פֿילע טויזנטער אַרבעטער, צווישן זיי אַ זייער באַדייטנדע צאָל מיט אַן אויסגעשפּראָכענער קלאַסן-אידעאָלאָגיע. ס'וואַקסט די צאָל אַרבעטער אין די שטעט, און אויך ביי די געזעלשאַפֿטלעכע אַרבעטן דאַרפֿן מיר שוין בייגעוואוינט דעם קאַמף פֿון די אַרבעטער פֿאַר זייערע ריינע פּראָפֿעסיאָנעלע אינטערעסן.

די פּראָפֿעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציע מוז קומען נישט מער אַלס צוגאָב, אַלס טפֿל. זי מוז ווערן

א יסוד. זאָל זיין איינער פון די יסודות. אָבער נישט קיין מינדערווערטיקער לגבי אַנדערע פאָרמען פון ארבעט און קאַמף.

און נאָך א זאַך. אויב ביי אנדערע געביטן פון אַרבעט האָט מען נאָך ביז אַהער געקענט אויסמיידן דעם אַראַבער, כאַפּן זיך שוין איצט די מוטיקערע אַליין איינצוזען זייער טעות, אויב נישט פאַרברעך; ס'איז קלאָר, אַז די פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציע קאָן דאָ דינען אַלס באַזיר־לעכע פלאַטפאָרם פאַר דערנענטערונג און סאָלידאַרער אַרבעט.

דערצו מוז, פאַרשטייט זיך, זיין די פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציע געבויט אויפן פּרינציפּ פון אינטערנאַציאָנאַלן קלאַסן־קאַמף. נישט בויען שוין איצט נאַציאָנאַלע סעקציעס פאַר אַראַבער, ווען יענע גייען נאָך כלל נישט גערן צו אָרגאַניזאַציע און זענען צו איר בכלל נישט דערוואַקסן; אויך נישט איינגיין „ברייטהאַרציק" אַריינצונעמען איינצעלנע אַראַבער אין די יידישע פאַריינען, נאָר בויען לכתחילה אן אינטערנאַציאָנאַלן קלאַסן־פאַריין.

דער פּאַלעסטיניזם פונם יידישן אַרבעטער־קלאַס נייטיקט זיך נישט אין קיין ספּעציעלע קמיעות און דאַרף נישט אַרומצוימען און באַוואָרענען זיך מיט פאַרשידענע סייגים ביי דעם צוזאַמענטרעף מיטן באַוואוסטזיניקן אַראַבישן אַרבעטער. אומגעקערט, מיר זענען זיכער, אַז דער קלאַסן־רייפער און פּאָליטיש דערצויגענער אַראַבישער אַרבעטער וועט לייכט איינזען און באַגרייפן די טיפע אָרגאַנישע סאָלידאַריטעט פון זיינע אינטערעסן מיט די ריכטיק אויפגעפאַסטע קלאַסן־אינטערעסן פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל.

דאָס קאָן אָבער קומען נישט סתם דורך פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע, דורך ביכער און פלוג־בלעטער; דער איינציקער זיכערער וועג, וואָס פירט דערצו, איז די געמיינזאַמע אַרבעט, דער שותפותדיקער טאָג־טעגלעכער קאַמף.

ווער קאָן אין דעם פּרט אויפטאָן מער, ווי די פּראָפעסיאָנעלע קלאַסן־אָרגאַניזאַציע?!

די רייבונגען צווישן דער „הסתדרות הכללית" און די יונגע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען זענען, פון קלאַסן־שטאַנדפּונקט, אומפאַרמיידלעך היינט צו טאָג, אויף וויפל די „הסתדרות" וויל נישט אָנערקענען דעם קלאַסן־פּרינציפּ ביים אָרגאַניזירן די אַרבעטער און דעם קלאַסן־קאַמף, אַלס יסוד פון דער אַרבעט. דעם דאָזיקן חסרון זעען שוין איין אפילו איינציקע וואָרט־פירער פון „אחדות־העבודה", און זיי קלאַפּן זיך „על חטא" צוליב דעם, וואָס ס'איז פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן די פּראָפעסיאָנעלע טעטיקייט און סאָציאַליסטישע אויפקלערונג. דאָס טרייבט זיי צו פאַרבלייבן ווייטער עקזיסטירן און אפילו זיך צו פאַרוואַנדלען אין א פּאַרטיי, רחמנא ליצלן. פאַרשטייט זיך, אַז דערויף קאָן מען זיך ווינציק וואָס פאַרלאָזן און ס'מוז קומען די אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אין איר יסוד די קלאַסן־אינטערעסן פון דער אַרבעטערשאַפט.

דער קאַמף פאַר דער פּראָפעסיאָנעלער אָרגאַניזאַציע אויפן יסוד פון קלאָר פאָרמולירטע פּראָלעטאַרישע קלאַסן־צילן מוז דעריבער אָנגעפירט ווערן מיט דער גרעסטער ענערגיע.

דערמיט ווערט לחלוטין נישט אונטערגעגראָבן די הסתדרות הכללית, אַלס אָרגאַניזאַציאָנס־ראַם פאַר דער אַרבעטער טעטיקייט אויף פאַרשידענע געביטן: קאָאָפּעראַטיווע, פּראָפעסיאָנעלע א.ד.ג. די דאָזיקע פאָרם איז גראָד א געלונגענע פאַר ארץ־ישראל אין איצטיקער צייט. ס'וועט נאָר אַריינגעפירט א וויכטיקער מאָמענט אין דעם אינהאַלט פון דער הסתדרות, דער פּראָפעסיאָנעל אָרגאַניזירטער קלאַסן־קאַמף, א רעאַלער פאַקטאָר, וואָס וועט משפיע זיין איר לעבן אין אַנטוויק־לונג נישט דער ערך מער און ממשותדיקער, ווי די אַלע פיישגעבאַקענע „סאָציאַליסטישע" השבעות פון „אחדות העבודה".

יוסף / זייערע „טענות"

בּאַקעמפֿן די שיטה פֿון קעגנער קען מען אויף צוויי־ערליי אופֿנים: אָדער מען שטעלט זיך אויפֿן באָדן פֿון קעגנערס הנחות און אַרויסגייענדיק פֿון זייערע פֿאָרויסזעצונגען פֿרעגט מען אָפּ די מסקנות; אָדער מען באַווייזט, אַז פֿאַלש זענען לכתחילה די אויסגאַנגס־פּונקטן, און וויבאַלד אַזוי זענען די אויספֿירונגען שוין ממילא פֿאַלש.

קיין איינער פֿון די דאָזיקע מעטאָדן ווערט אָבער — אַלענפֿאַלס פֿאַר דער לעצטער צייט — דורך די קעגנער פֿון פּראָלעטאַרישן פּאַלעסטיניזם נישט אָנגעווענדעט.

על פּי רוב האָבן מיר צו טאָן נישט מיט אַרגומענטן און באַווייזן, נאָר מיט גרייטע אורטיילן, מיט פֿאַרטיקע פֿאָרמולעס, וואָס ווערן פֿאַבריצירט פֿאַרן געברויך פֿון גלויביקע, וועלכע זענען מחויב אָנצונעמען זיי אָן קריטיק, נאָר גלאַט אַזוי, „אויפֿן וואָרט".

דערפֿון נעמט זיך טאַקע די אומגעהייערע אויבערפֿלעכלעכקייט און אומערנסטקייט פֿון די אַלע „אויך מיר" טענות קעגן פּאַלעסטיניזם.

די שליחים פֿונעם וועלט־פֿאַרבאַנד פּועלי־ציון האָבן אַוועקגעשטעלט פֿאַרן אינטערנאַציאָנאַל דאָס יידישע אַרבעטער־פּראָבלעם. אין משך פֿון די וויכּוחים האָט ער אָנערקענט איינע פֿון אונזערע וויכטיקסטע גרונט־הנחות — די אייגנאַרטיקייט פֿון די פּראָדוקציאָנס־באַדינגונגען, אין וועלכע עס לעבט דער יידישער אַרבעטער־קלאַס.

נאָך אַ שריט ווייטער, און ער האָט אָנערקענט אויך איינעם פֿון אונזערע אויספֿירן — היינו, אַז די „אומגעהייערע יידישע מאַסן־עמיגראַציע" לאָזט זיך נישט אָפּטערן מיט אַן אָנווייז אויף כּלומרשט אַנאַלאָגישע דערשיינונגען ביי אַנדערע פֿעלקער און אַז זי איז נישט אָפּהענגיק פֿון צופֿעליקע און פֿאַרבייגייענדיקע סיבות, נאָר זי איז — אַ רעזולטאַט פֿון אונזערע אייגנאַרטיקע פּראָדוקציאָנס־באַדינגונגען.

איז אָבער געקומען צו די וויכטיקסטע אַנטשיידנדיקע אויספֿירונגען — צו די אויפֿגאַבן, וואָס מוזן זיך שטעלן פֿאַר דער יידישער אַרבעטערשאַפֿט אין צוזאַמענהאַנג מיט איר אייגנאַרטיקער לאַגע — האָבן מיר ווידער דערהערט אַ פֿאַרטיקן אורטייל, אַ פּסק־דין אָן מאָטיוון, וואָס זיין גאַנצער כּוח באַשטייט בלויז אין דעם „אין מהרהרין" — מען טאָר נישט נאָכקלערן, מען מוז גלויבן, אַז אַזוי איז עס!...

אמת, יעדער לכתחילהדיקער אורטייל, קוים האָט ער נישט קיין באַגרינדונג, איז ער פֿאַרט נישט מער, ווי אַ פֿאָרורטייל.

פֿונדעסטוועגן, אויף צו להכעיס דער לאָגיק, האָבן אַ סך פֿון ברייטערן עולם דעם דאָזיקן פּסק־דין אונטערגעכאַפּט און ביי טעמפּע מוחות גילט ער שוין אַלס איינציקער „שלאָג־אַרגומענט": „והראיה, מען זעט דאָך, דער קאָמינטערן האָט אַזוי געזאָגט"...

האָט מען גענומען נאָכריידן און איבערחזרן:

„איר ציט אָפּ די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון די יידישע אַרבעטער־מאַסן פֿונם קאַמף דאָ אויפֿן אָרט";

„איר שאַפֿט אַ שעדלעכע אילוזיע, אַז די יידישע מאַסן קענען לייזן זייערע פּראָבלעמען אָן קאַמף";

„אייער טעטיקייט איז אין איר פּראַקטיק קאָנטער־רעוואָלוציאָנער" א. א. וו.

וואָס פֿאַר אַ ווערט האָבן אָבער די אַלע טענות אין דעראמתן?

דאָס שטרייכן מיר תּמיד אונטער — אַז די פֿולשטענדיקע פֿאַרווירקלעכונג פֿון די באַזונדערע אויפֿגאַבן פֿון ייד. אַרב. קלאַס איז מעג־

לעך נאָר מיטן זיג פֿון דער אַלוועלטלעכער אַרבעטערשאַפֿט. יעדע דערנענטערונג צום אַלגעמיינעם ניצחון פֿון קעמפֿנדיקן אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט, באַדייט אויך, בכן, אַ דערנענטערונג צו אונזער פּאַלעסטינע ציל. וואָס דרינגענדער עס ווערט די נויטווענדיקייט ראַדיקאַל איבערצובויען די יידישע עקאָנאָמיק — ממילא אַלץ דרינגנדער ווערט אויך די נויטווענדיקייט פֿאַר די יידישע אַרבעטער צו באַטייליקן זיך אין דעם אַלגעמיינעם היסטאָרישן קאַמף, וואָס וועט אין זיין ענדגילטיקן רעזולטאַט אָפּרוימען אויך די שטיינער, וואָס ליגן אויפֿן וועג צו דער יידישער אַרבעטער צוקונפֿט.

דער קאַמף פֿאַר דער פּראָלעטאַרישער ממשלה — איז גלייכצייטיק אַ קאַמף פֿאַר דער רעוואָלוציע אינם יידישן לעבן. דעריבער קענען מיר נאָר איין וועג צום ציל — דעם וועג פֿון קלאַסן־קאַמף האַנט ביי האַנט מיט אַלע אונטערדריקטע און פֿאַרשקלאַפּטע פֿון אַלע לענדער, פֿון אַלע פֿעלקער.

קען, אַלזאָ, קיין רייד נישט זיין וועגן אָפּציען די יידישע מאַסן פֿון אַלגעמיינעם קאַמף — מיר ציען־צו די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון אַלוועלטלעכן יידישן פּראָלעטאַריאַט צום אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַרישן קלאַסן־קאַמף, פֿאַרבינדנדיק דעם דאָזיקן קאַמף מיט די קאָנקרעטע נויטן און היסטאָרישע צילן פֿון יידישן אַרבעטער־קלאַס.

דעריבער וועקן מיר אומעטום די אַקטיוויטעט פֿון די יידישע אַרבעטער־מאַסן און אָרגאַניזירן זיי צום קאַמף אויף אַלע פֿראָנטן פֿון אַלגעמיינעם און יידישן לעבן.

אָפּגערעדט שוין דערפֿון, אַז די טעטיקייט אין פּאַלעסטינע איז אָביעקטיוו אַ רעוואָלוציאָנערע, ווייל זי הויבט דאָרט אויף די שווערד פֿון קלאַסן־קאַמף איבער דעם קנויל פֿון פֿעאָדאַלע באַציונגען, אימפּעריאַליסטישע תשוקות און נאַציאָנאַליסטישער צביעות.

די נייע פּערספּעקטיוון, וואָס אַנטפּלעקן זיך פֿאַר די יידישע אַרבעטער אין פּאַלעסטינע, זענען כּלל נישט אין אַ סתירה מיטן קאַמף דאָ. אַדרבא, זיי גיסן ערשט אַריין אַ נייעם אינהאַלט אין דעם קאַמף, וואָס מיר פֿירן דאָ, גיבן אונז די גרויסע עקשנות, וועלכע עס קען פֿאַרמאָגן בלויז אַ קיבוץ, וואָס ראַנגלט זיך ביים ראַנד פֿון אַ תהום פֿון ליידן און פּיין און איז אָבער זיכער, אַז ער וועט אַרויפֿשטייגן אויף די העכסטע הויכקייטן פֿון פֿרייהייט און גליק.

די יעניקע קעגנער, וואָס באַמיען זיך שוין יאָ צו מאַכן אַן אָנשטעל פֿון אַ וויסנשאַפֿטלעכן אַנאַליז פֿון פּאַלעסטיניזם, „פֿאַרלייכטערן" זיך אָבער זייער אויפֿגאַבע אויף אַ גאַנץ פּרימיטיוון אופֿן: זיי באַקעמפֿן אייגנטלעך דעם בירגערלעכן ציוניזם און צום סוף גיבן זיי צו אַן אויסרוף קעגן „דעם ציוניזם אין אַלע זיינע שאַטירונגען".

אַזוי האָט, למשל, ראַפּעס זיך מטריח געווען און אין אַ ספּעציעלער בראָשור אַנאַליזירט די באַדינגונגען פֿון ענגלישן מאַנדאַט איבער פּאַלעסטינע. נאָך אַ לאַנגער חקירה קומט ער צום אויספֿיר, אַז דער ציוניזם האָט באַנקראָטירט, והראיה: קיין זכר פֿון אַ יידישער מלוכה; הערשן אין לאַנד וועט ענגלאַנד.

די קריטיק איז אינגאַנצן אויסגעהאַלטן פֿון ציוניסטישן שטאַנדפּונקט: אַ יידישער צענטער באַדייט, כּידוע, דווקא אַ יידישע מלוכה. איז דאָס נישט מעגלעך — פֿאַרליוט ביים בירגערטום דער ציוניזם בכלל יעדן זין.

וואָס האָט עס אָבער צו טאָן מיטן פּראָלעטאַרישן פּאַלעסטיניזם, וועלכער שטעלט זיך גאַנץ אַנדערע צילן און אויפֿגאַבן?!

מעג דער „יודענשטאַט" פּלאַצן, ווי אַ זייפֿנבלאָז — קען דאָס אויף אַ האָר נישט פֿאַרקלענערן די באַדייטונג פֿון פּאַלעסטינע אַלס אַרבעטס־פּלאַץ פֿאַר די וואַנדערנדיקע יידישע מאַסן, וואָס ווערן געטריבן פֿון דראַנג צו פּראָדוקטיוויזירונג.

ממילא האָט אויך די יידישע אַרבעטערשאַפֿט קיין שום שייכות נישט צו וועלכע עס איז

אימפעריאַליסטישע מאַכינאַציעס — אירע קלאַסן־אינטערעסן מוזן זי אומפאַרמיידלעך טרייבן אויפן וועג פון אויסגעהאַלטענעם קאַמף קעגן אַלע רויבערישע כּוונות סיי פון די יידישע, סיי פון די אַראַבישע באַזיצנדיקע קלאַסן, ווי פון די ענגלישע אָקופּאַנטן.

דיזעלבע אינטערעסן צווינגען זי אויך וואָס ענגער זיך צו פאַרבינדן מיט די אַראַבישע אַרבעטנדיקע מאַסן. דערביי איז קלאָר, אַז דער יידישער פּראָלעטאַריאַט איז דער איינציקער עלעמענט, וואָס איז מסוגל צו דיפערענצירן די נאַציאָנאַל־שאָוויניסטישע באַוועגונג פון דער אָפּגעשטאַנענער אָרטיקער באַפעלקערונג, אָרגאַניזירנדיק די אַרבעטנדיקע טיילן פון אַראַבישן פאָלק לויט דער ליניע פון פּראָלעטאַרישן קאַמף.

אין תוך דערזעלבער — הגם אין פלוג אַנדערש — איז דער געדאַנקען־גאַנג פון דער לעצטער אויפלאַגע ליקווידאַטאָרן. בלויז איין חילוק: זיי שטעלן זיך נישט, נאָר שטייען באמת אויף אַ ציוניסטישן — אין בעסטן פאַל — אחדות־העבודה־שטאַנדפּונקט.

פאַלעסטיניזם הייסט פאַר זיי — בויען ארץ־ישראל. טומלען זיי וועגן דער נויטווענדיקייט „תּיכּף צוצוטרעטן צו קאָנקרעטער ווירטשאַפטלעכער פאַלעסטינע־אַרבעט“. לכתּחילה מאַכן זיי דעם אָנשטעל, אַז דאָס איז נייטיק נישט אַזוי פאַר זיי גופא, ווי צוליב דעם „המון“, היות ווי „אָן דעם ווערט אָפּגעשוואַכט דער ווילן און גלויבן ביי דעם מאַסן־מענש“...

אין דער אמתן פאַרטונקלט אָבער ביי זיי אַליין דער „דראַנג“ צו „קאָנקרעטער ממשותדיקער פאַלעסטינע־אַרבעט“ דעם מהות פון פּראָלעטאַרישן פאַלעסטיניזם, אַלס פּאָליטישע שיטה פון יידישן אַרבעטער־קלאַס. דעריבער פאַרלירן זיי אַמשנעלסטן דעם ווילן אין גלויבן.

ווען זיי אַנטוישן זיך אין דער מעגלעכקייט פון באַלדיקער זעלבשטענדיקער אויפבוי־אַרבעט — גיסן זיי אַרויס צוזאַמען מיט די פאַרפירערישע אילוזיעס וועגן „גראַנדיעזע ווירטשאַפט־אַרבעטן“ אויך די פּאָליטישע פאַלעסטינע־לאָזונגען, אָפּזאָגנדיק זיך אַפילו פון יעדער השפּעה אויף די וויכטיקע קאָנצענטרירונג־און אומשיכטונגס־פּראָצעסן, וואָס קומען פאַקטיש אין פאַלעסטינע פאָר, אומאָפּהענגיק פון וועמעס ס'איז הכשר.

זייענדיק אין דער טעאָריע פּראַקטישע ציוניסטן, ווערן זיי אין דער פּראַקטיק גאַנץ שנעל פאַטאַליסטישע חובבי־ציון (אויף דער דאָזיקער סטאַדיע איז זייער אני מאמין: „מיר ווילן, אָבער ס'וועט דאָך סיי ווי סיי געשעען“...) ביז עס ווערט אויס זייער חבת־ציון און זיי פאַרוואַנדלען זיך צום כאָר פון פּרינציפּיעלע שונאי־ציון.

מיר האָבן צו טאָן מיט נאָך אַ מין קעגנער: — די „מיר בונדיסטן“.

אַליין כמעט דורכויס „געוועזענע“, קלינגען אין זייערע טענות קעגן אונז בלויז די טענער פון זייער אייגענעם ווידוי, אַ ווידוי פון אימפּאָטענטן, וואָס האָבן פאַרלוירן זייער כּוח־גברא, בלאַנזשענדיק אויף די וויסטע וועגן צום אוטאָפּישן „ערגיץ־לאַנד“.

זייער גרימצאָרן איז פאַרשטענדלעך: בעת זייער טעריטאָריאַליסטישער חלום האָט געגוסעט ערגיץ אונטערן פאַרקאַן פון פּאָליטישן בית־עלמין אין אַ ק"ק טשענסטאָכאָוו אָדער זאַוויערטשע, האָט זיך אין קאָנקרעטן לאַנד — אין פאַלעסטינע — אָנגעהויבן די פאַרווירקלעכונג פון טעריטאָריאַליזם, און די יידישע אַרבעטערשאַפט האָט דאָרט געשאַפן ממשותדיקע, לעבעדיקע פאַקטן, וואָס דאַרפן נישט אָנקומען צו דער סאַנקציע פון לאַנגווייליקע טעאָרעטישע פּלפּולים.

קריצן די געוועזענע מענשן מיט די ציינער, וועלנדיק פאַרשרייען זייער שענדלעכן אידעאָלאָגישן באַנקראָט.

פֿון זיי שטאַמט עס די טענה וועגן יאוש.

באמת, גאָר נישט ראָזיק איז דאָס בילד, וואָס מיר זעען. אַ פֿאַרקריפּלטע עקאָנאָמיק, אומנאָרמאַלע באַדינגונגען פֿון קאַמף; באַדנלאָזיקייט און אָנמעכטיקייט; מענטשן־שטויב, וואָס ווערט דורך יעדן ווינטל אויפֿגעהויבן פֿון אָרט און צעטראָגן איבער שבעה ימים.

און דערפֿון קען מען זיך דאָך נישט ראַטעווען דורך פֿאַרמאַכן די אויגן. די פֿאַקטן ווערן נישט וויניקער אכזריותדיק דורכדעם, וואָס מען אַנערקענט זיי נישט.

מוז אַרומנעמען אַ שוואַרצער יאוש די אַלע, וואָס זעען בלויז די טרויעריקע דערשיינונגען פֿון דער ווירקלעכקייט און זעען נישט קיין גלייכצייטיק קיין אויסוועג, וואָס זאָל זיך אויך אַזוי אָנשפּאַרן אויף רעאַלע פֿאַקטן פֿון דער ווירקלעכקייט.

ווער עס קוקט זיך אָבער צו צו די טענדענצן פֿון אונזער לעבן — דער זעט נישט נאָר די פֿאַרקריפּלטקייט, נאָר אויך די וועגן וואָס פֿירן צו דער נאָרמאַליזירונג.

דער חושך פֿון די חיי־שעה ווערט באַשיינט מיט דעם ליכט פֿון אַ גרויסן היסטאָרישן אידעאַל, און מיר זעען באַשיינפּערלעך די כוחות, וואָס זענען באַרופֿן דעם אידעאַל צו פֿאַרווירקלעכן. קענען מיר נישט קיין איכה־שטימונגען, נאָר בלויז פֿריידיקע קאַמפּס־לאָזונגען.

נישט קיין גם־זו־לטובה־אָפּטימיזם איז עס; נישט די חכמה פֿון צופּאַסן זיך, פֿון נישט צופֿיל וואַגן, פֿון נישט פֿליען צו הויך, פֿון נישט ווידערשפּעניקן קעגן איר מאַיעסטעט דער ווירקלעכקייט —

פֿעסטער גלויבן אין די שעפֿערישע כוחות פֿון יידישן אַרבעטער־קאָלעקטיוו, וואָס קען דעם הווה אַ קריג ערקלערן; פֿאַרשטענדעניש פֿאַר די פּראָצעסן, וואָס פֿירן צו דער ראַדיקאַלער איבערבויונג פֿון יידישן לעבן —

דאָס איז דער כאַראַקטעריסטישער שטריך פֿון דער קלאַסן־באַוועגונג פֿון אַלוועלטלעכן יידישן פּראָלעטאַריאַט.

„די פּראָלעטאַריער האָבן נישט וואָס צו פֿאַרלירן אויסער זייערע קייטן..." —

מיט וואָס פֿאַראַ קאָלטן יאוש ווייעט פֿון די דאָזיקע ווערטער. אָבער ווי אין גרונט אַנדערש ווערט זייער זין, ווען זיי קלינגען־אויס אין דעם מעכטיקן אַקאָרד:

„זיי קענען געווינען אַ גאַנצע וועלט!"

די סתירה צווישן דעם, וואָס איז און צווישן דעם, וואָס קען זיין — ווערט דאָ אַ קוואַל פֿון ענטוזיאַזם, פֿון התלהבות, וואָס איז אַזוי נייטיק אין קאַמף.

און וואָס גרעסער דער ציל — אַלץ גרעסערע שטראָמען ענערגיע איז ער בכוח אַרויסצורופֿן. דעריבער האַלטן מיר פֿאַר אַ פֿאַרברעכן צו גנבענען ביים יידישן אַרבעטער־קלאַס זיינע צילן. ווער עס טוט דאָס, דער שטיקט די באַגייסטערונג, טעמפּט־אָפּ די קאַמפּסלוסטיקייט.

און גראָד אין דער איבערגאַנגס־תּקופֿה, ווען די יידישע עקאָנאָמיק ווערט אינטענסיווער צושטערט, ווען די פֿאַראָרעמונג ווערט אַ פּלאָג פֿון גאַנצע ישובֿים, ווען די יידישע מאַסן ליידן מער ווי אַנדערע פֿון אַלע נעגאַטיווע דערשיינונגען, וועלכע באַגלייטן אומפֿאַרמיידלעך די גרויסע קאַמפֿן פֿון אונזער צייט — מוזן ברייט פֿאַנאַנדערגעוויקלט ווערן אַלע ווייטגייענדיקסטע צילן, וואָס קענען זיין אַ סטימול צום קאַמף.

טאָ זאָל זשע ווי געהעריק באַטאָנט ווערן דער לאָזונג פֿון ברייטסטן פֿאַרנעם: —

דער אַרבעטער־צענטר אין פּאַלעסטינע, וואו ס'ווערט פֿאַרווירקליכט דער דראַנג פֿון די יידישע מאַסן איבערצובויען זייער לעבן אויף יסודות פֿון געזונטער שעפֿערישער אַרבעט!

י. שטיין / שטימונגען און פּראַקטיק

דער יידישער אַרבעטער-קלאַס איז קיינמאָל נישט דערגאַנגען סיי אין איכות (פֿון זיין אַרבעט), סיי אין כמות (פֿון זיין צאָל), צו דער מדרגה, וואָס דער פּראָלעטאַריאַט ביי די טעריטאָריאַלע פֿעלקער. דערצו נאָך איז ער אין די יאָרן פֿון מלחמה און נאָך-מלחמה פּראָפּאָרציאָנעל מערער געפֿאַלן איידער זיי. קיין נייע צווייגן פֿון פּראָדוקטיווירונג זענען נישט צוגעקומען. דעסגלייכן האָט די עמיגראַציע אין די אַלטע איינוואַנדערונגס-לענדער אין אַ גרויסער מאָס פֿאַרלוירן אַפֿילו יענע פּראָדוקטיווירונג — און דעריבער אגב פֿאַרן יידישן פּראָלעטאַריאַט פֿאַרמערונגס—מאָמענטן, וואָס זי האָט פֿריער יאָ געהאַט. דער פֿאַקט, וואָס אין פּאַלעסטינע איז אַנטשטאַנען און וואַקסט אַ יידישער פּראָלעטאַריאַט, אַלס אַזעלכער, איז דעריבער אַ רעוואָלוציאָנערער פֿאַקט פֿון גרעסטן באַטייט.

די פֿאַרמערונג פֿונעם יידישן אַרבעטער-קלאַס דאָרט, ווען די אָדער יענע פֿאַרוויקלונגען אינעם ווירטשאַפֿטלעכן לעבן זאָלן זי אַפֿילו צייטווייליק אויפֿהאַלטן — קעגן דער טענדענץ פֿון יידישן מאַסן-לעבן און קעגן די מעגלעכקייטן פֿון לאַנד — איז עס דאָך אַ פֿאַרשטאַרקונג פֿון די יידישע אַרבעטער-פּאָזיציעס אומעטום אין דער יידישער פּראָדוקציאָנעלער סביבה, אָט דאָס היסטאָריש באַשעפֿעניש, וואָס קיין אַגיטאַציע, און קיין „רעוואָלוציאָנערער באַוואוסטזיין" און קיין ווירטשאַפֿטלעך-פּאָליטישע סיטואַציע ביז איצט האָט נישט באַוויזן אָפּצושאַפֿן און קאָן עס נישט באַווייזן.

יאָ, וועלן ענטפֿערן אונזערע פּראָלעטאַרישע „אַנטי-פּאַלעסטינצעס", אָבער דער יידישער פּראָלעטאַריאַט אין פּאַלעסטינע האָט נישט קיין רעוואָלוציאָנערע באַדייטונג, ווייל ער איז נישט רעוואָלוציאָנער געשטימט, ווייל ער גייט און מוז גיין אויפֿן בוקסיר פֿון דער יידישער בורזשואַזיע. אָביעקטיוו וואָלט טאַקע די פֿאַרמערונג פֿון יידישן פּראָלעטאַריאַט, וואָס קומט-פֿאָר אין פּאַלעסטינע, געדאַרפֿט זיין אַ רעוואָלוציאָנערער פֿאַקט. ווי אָבער דריקט זיך דאָס אויס אין באַוואוסטזיין פֿון יידישע אַרבעטער אין פּאַלעסטינע? נישט אַנדערש, די יידישע אַרבעטערשאַפֿט מוז זיין אָפּאָרטוניסטיש לויט אירע לעבנס-באַדינגונגען און דעריבער קאָן זי נישט גילטן אַלס רעוואָלוציאָנערער פֿאַקטאָר.

ווען דאָס זאָל באמת אַזוי זיין, וואָלט עס זיכער געווען אַן אַרגומענט קעגן פּאַלעסטיניזם (הגם אַרגומענטן האָבן נישט די טבע אומצוברענגען פֿאַקטן). אויב די פּאַלעסטינער אַרבעטערשאַפֿט זאָל באמת נישט זיין מסוגל אַרויסצוברענגען אַ רעוואָלוציאָנער מאַרקסיסטיש באַוואוסטזיין אין ערך אַזוי שטאַרק, ווי אין די אייראָפּעישע לענדער, וואָלט דער מאַרקסיסטישער פּאַלעסטיניזם געוויס פֿאַרלוירן יענע אידעישע גאַנצקייט, וואָס איז דער פֿאָרבאַדינג פֿאַרן אָרגאַנישן סינטעז פֿון דער יידישער רעוואָלוציע מיט דער אַלוועלטלעכער.

צי איז עס אָבער טאַקע אַ מוז? לאָמיר זען,

וואָס זאָגט מען אונז?

דער פּאַלעסטינער יידישער יישוב פֿאַרגרעסערט זיך דורך קאָלאָניזאַציע. דער קאָלאָניזאַציאָנס-אָרגאַן דאָרט איז די בירגערלעכע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע. די אַרבעטער אין פּאַלעסטינע, ווען זיי ווילן פֿאַרבעסערן זייער לאַגע, מוזן אָנקומען צו דער ציוניסטישער פּושקע; זיי זענען דעריבער פֿאַרינטערעסירט אינעם וואוקס פֿון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און מוזן אַפֿילו צו איר געהערן. און אַזוי ווי די שטענדיקע איינוואַנדערונג ברענגט אַריין וואָס אַ מאָל מער אַרבעטס-באַדערפֿטיקע, איז פֿאַראַן די זיכערקייט, אַז דאָס וועט אַזוי בלייבן אויף שטענדיק.

די אַלע, וואָס טענהן אַזוי, זעען נישט איין אַ וויכטיקע זאַך: אַז דער פּאַלעסטיניזם ביי די פּועלי-ציון שטייט נישט אין אָנהייב פֿון אַ היסטאָרישער אַנטוויקלונג און נישט אין סוף פֿון איר, נאָר אין דער מיט פֿון אַן אומוואַנדלונגס-פּראָצעס אין יידישן לעבן. דער דאָזיקער פּראָצעס האָט זיך נישט אָנגעהויבן מיט די פּועלי-ציון. זיי האָבן אים שוין געטראָפֿן. די פּועלי-ציוניסטישע אידעאָלאָגיע איז טעאָרעטיש אַ פֿעסטשטעלונג פֿון דעם עצם פֿאַקט פֿון אומוואַנדלונג און פֿון אירע וועגן. פּראַקטיש איז זי אויסן אויסצוגלייכן די פֿאַרוויקלטע ליניעס פֿון דער דאָזיקער אומוואַנדלונג לטובת דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט און זיין קאַמף.

אין די ראַמען פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג איז דער אומוואַנדלונג-פּראָצעס פֿונם יידישן לעבן און די שאַפֿונג פֿון אַ יידישן צענטער אין פּאַלעסטינע נישט אָפּהענגיק פֿון דעם, צי די אָדער יענע רעוואָלוציאָנערע יידישע אַרבעטער גרופּירונג וועט דערצו מסכּים זיין אָדער נישט. די לעבעדיקע נויטווענדיקייט פֿון עמיגראַציע און פּראָדוקטיוויזירונג ביי די יידישע פּראָלעטאַרישע און זיך פּראָלעטאַריזירנדיקע מאַסן וועט שטענדיק אַרויסרופֿן ביי דער יידישער אַרבעטערשאַפֿט אָרגאַניזאַטאָרישע פֿאַרבינדונגען צו באַפֿרידיקן די באַדערפֿענישן. יענע גרופּן, וואָס וועלן דאָ אַרויסווייזן די גרעסטע אַקטיוויטעט, האָבן די גרעסטע אויסזיכט צו קאָנצענטרירן אַרום זיך די מאַסן און צו באַאיינפֿלוסן זיי אין זין פֿון זייער אידעאָלאָגיע.

אויב די יידישע מאַרקסיסטישע באַוועגונג וויל געווינען די מאַסן, מוז זי פּונקט אַזוי ווי ביי אַלע אַנדערע באַדערפֿענישן, זיך שטעלן בראש פֿון אָט דער אַרבעט סיי אין פּאַלעסטינע גופֿא, סיי אין די לענדער, וואו די באַדערפֿענישן ווערן אַרויסגערופֿן. אָן דעם האָט זי נישט, סיי אין פּאַלעסטינע, סיי אין די איבעריקע לענדער, קיין אויסזיכט אויף ערפֿאָלג. אויך דאָ איז דער אַגיטאַטאָרישער מאָמענט פֿון געווינען די מאַסן ענג פֿאַרבונדן מיטן פֿאַקטישן אינטערעס פֿון די אַרבעטער-מאַסן גופֿא.

ווי אַזוי דאַרף אָבער אויסזען די דאָזיקע אַרבעט?

די רעפֿאָרמיסטישע, אָפּאָרטוניסטישע עלעמענטן וואַרפֿן-אָפּ יעדע לכתּחילהדיקע פֿעסטשטעלונג פֿון טאַקטישע פּרינציפּן, וואָס דרינגען נישט אַרויס פֿון דער ביזאיצטיקער פּראַקטיק אין פּאַלעסטינע גופֿא. אַלע מיטלען, וואָס קאָנען דינען צו שאַפֿן פּאָזיציעס פֿאַרן יידישן אַרבעטער אין פּאַלעסטינע, זענען כּשר. צי זיי טויגן — דאַרף באַווייזן די פּראַקטיק אינם לאַנד אַליין, נישט וועלכע עס איז פּרינציפּן.

גאַנץ אַנדערש טראַכטן וועגן דעם די פּועלי-ציון: אמת, אַז די טאַקטישע וועגן פֿון פּראָלעטאַריאַט דאַרפֿן אויסגעפּרובט ווערן אין דער פּראַקטיק. די דאָזיקע דערפֿאַרונג מוז אָבער נישט געמאַכט ווערן שטענדיק און בנוגע אַלע פּרטים אויפֿן אָרט גופֿא. דער יידישער פּראָלעטאַריאַט אין פּאַלעסטינע מוז נישט ערשט דורכמאַכן יענע עטאַפּן, וואָס דער פּראָלעטאַריאַט אין אַלע אַנדערע לענדער, כּדי צולעצט צו דערגיין צו דיזעלבע רעזולטאַטן. בנוגע דער קאָאַליציע מיט דער בורזשואַזיע און איר ווערט פֿאַרן אַרבעטער-קלאַס האָט דער פּראָלעטאַריאַט פֿון אַלע לענדער אַ צו טרויעריקע דערפֿאַרונג, אום זיך לאָזן אויף דעם דאָזיקן וועג גראָד אין פּאַלעסטינע, וואו עס גייט וועגן עיקר — וועגן פּראָדוקטיוון יידישן אַרבעטער-צענטר.

דער אומוואַנדלונגס-פּראָצעס אין יידישן לעבן, וואָס מערקט זיך שוין איצט, וועט ווערן פֿול און באַקומען זיין היסטאָרישע ממשות ערשט מיטן נצחון פֿון אַרבעטער-קלאַס. דאָס איז נישט דער פֿאָרבאַדינג, אָבער דער לעצטער רינג אין דער פֿאַרווירקלעכונג פֿונם פּאַלעסטיניזם. אָן דער אויסזיכט און אָן אָט דער אָריענטאַציע איז יעדע אַרבעט אויפֿן געביט פֿון פּאַלעסטיניזם באַרויבט פֿון איר היסטאָרישן ווערט.

דער ייִדישער פּראָלעטאַריאַט קאָן נישט שפּילן אויף צוויי קאָרטן: אויף דער בירגערלעכער פֿאַר דער מינוט און אויף דער פּראָלעטאַרישער פֿאַר דער געשיכטע. דער וועלט־היסטאָרישער קאַמף פֿונם פּראָלעטאַריאַט וועט העלפֿן דעם ייִדישן פּראָלעטאַריאַט נאָר דאַן, ווען דער ייִדישער פּראָלעטאַריאַט וועט זיין בלוט און פֿלייש פֿון דעם אַלוועלטלעכן רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער־קלאַס, אויסגעפּרוּווט אין קאַמף, אַ מיטפֿאַקטאָר אין דער געשיכטע.

דער ערשטער און וויכטיקסטער שריט צום פֿאַרראַט פֿון רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער איז אָבער גראָד די קאָאַליציע. קלאָר, אַז צוליב מינוט־ערפֿאָלגן טאָר דער ייִד. פּראָלעטאַריאַט נישט מאַכן צו נישט די היסטאָרישע אויסזיכטן פֿון זיין אַרבעט.

דער געדאַנקען־גאַנג איז קלאָר. צי וועט אים אָבער איינזען דער ייִדישער אַרבעטער־קלאַס אין פּאַלעסטינע? מיר ווייסן דאָך פֿון אַזויפֿיל פֿאַלן, ווי קלאָרע און ריכטיקע געדאַנקען זענען צוליב פֿאַרשידענע סיבות אָפּגעוואָרפֿן געוואָרן דורכן פּראָלעטאַריאַט אין פֿאַרשידענע לענדער. מיר ווייסן, ווי די מערהייט ייִדישע אַרבעטער אין פּאַלעסטינע טוט עס איצט צוליב אירע מאָמענטאַלע אינטערעסן?!

די תשובה וואַרפֿט זיך אַליין אויף:

די ייִדישע אַרבעטערשאַפֿט אין פּאַלעסטינע מוז דערשפּירן, אַז הינטער איר שטייט דער באַוואוסטזיניקער פּראָלעטאַריאַט פֿון גאָר דער וועלט, גרייט איר צו העלפֿן מיט וואָס ער קאָן און נישט בלויז פֿאַרטרייסטן זי אויף שפּעטער. וועט אָפּגעריסן ווערן די וואַנט פֿון אַפּאַטיע צום קאַמף פֿון דער ייִדישער אַרבעטערשאַפֿט אין פּאַלעסטינע, וועט שוין דערמיט געשאַפֿן ווערן די פּסיכאָלאָגישע מעגלעכקייט צו איר רעוואָלוציאָניזירונג.

דער אַוואַנגאַרד פֿון די רעוואָלוציאָנערע אידעען וועט זיין אויך אין פּאַלעסטינע דער רוב שטאָטישע אַרבעטער און יענער טייל דאָרפֿישע, וואָס אַרבעט ביים פּריוואַטן אונטערנעמער און באַגעגנט זיך מיט אים אין דעם טאָג־טעגלעכן פּראָפֿעסיאָנעלן קאַמף. שפּעטער ווי די ביידע גרופּן וועלן זיך אַריינציען יענע דאָרפֿישע מאַסן, וואָס אַרבעטן קאָאָפּעראַטיוו און האָבן נישט קיין אייגנטלעכן אונטערנעמער. דער רוב פֿון זיי וועט נאָך אַ געוויסע צייט מאַכן אָפּאָרטוניסטישע פּרובן, מחמת ער איז איצט אָנגעוויזן אויף ערד און סובסידיעס מצד דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. אָבער אויך ער וועט זיך לאַנג ביי די דאָזיקע מעטאָדן נישט קענען האַלטן. ערשטנס איז די אויסהאַלטונג פֿון די קאָאָפּעראַטיווע דעפֿיציטן שוין איצט אַ צו שווערע לאַסט פֿאַרן ציוניסטישן בודזשעט און די קבוצות באַקומען נישט אַלץ, וואָס זיי דאַרפֿן, אַזוי אַז ס'איז שוין ביי זיי אויפֿגעקומען דער געדאַנק צו שאַפֿן די געלט־מיטלען זעלבשטענדיק אָן דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

צווייטנס קאָן שוין (צוליב דער ערשטער סיבה) נישט זיין קיין רייד וועגן אַ ווייטערדיקן וואוקס פֿון די קבוצות אין פֿאַרהעלטעניש צום וואוקס פֿון דער אַרבעטער עמיגראַציע ווי ביז איצט. שוין אין די לעצטע דריי יאָר האָט מען געקאָנט מערקן, ווי דער פּראָצענט פֿון די אַרבעטער אין די קבוצות לגבי די איבעריקע, איז וואָס אַ מאָל מער געפֿאַלן, הגם אין דער אַבסאָלוטער צאָל האָט ער זיך פֿאַרגרעסערט. נישט קוקנדיק אויף דער נעגאַטיווער באַציִונג פֿונם פּריוואַטן קאַפּיטאַל (בפֿרט פֿונם דאָרפֿישן) צום ייִדישן אַרבעטער, דרינגען דאָך די ייִדישע אַרבעטער אַריין אין די פּריוואַטע אונטערנעמונגען.

די קבוצה איז אַ געוויסע צייט געווען אַ מיטל צו פֿאַרלייכטערן די אַגראַרע פּראָדוקטיווירונג פֿונם איינגעוואַנדערטן עלעמענט. איצט שטייט שוין ווידער די פֿראַגע פֿון נייע וועגן, וואָס זאָלן פֿירן צו דעם אייגענעם ציל. דאָס הייסט נישט, אַז די קבוצות זענען פֿאַרמשפּט אונטערצוגיין. דערמיט ווילן מיר בלויז פֿעסטשטעלן, אַז די קבוצות וועלן ווייטער נישט קענען שפּילן יענע דאָמינירנדיקע ראָל אין

דער אַנטוויקלונג פֿונם יידישן ארבעטער-יישוב ווי ביז איצט. פֿאַר זיי בלייבט איבער די ראָל פֿון אַ לאַנדווירטשאַפֿטלעכער שול פֿאַר נייע עמיגראַנטן, וועלכע זאָלן שפּעטער איבערגיין צו פּריוואַטע אונטערנעמער.

די פּלענער פֿון אַחדות העבודה וועגן קבוצות אַלס אָנהייב פֿון אַן אויטאָנאָמען יידיש-פּראָלעטאַרישן קיבוץ, וועלכער זאָל זיין אומאָפּהענגיק פֿון דער אַרומיקער יידיש-אַראַבישער פּריוואַט-ווירטשאַפֿט און אויסקומען מיט דער אייגענער אַרבעט, וועלן סוף-כּל-סוף דאָך צו גאָרנישט פֿירן.

דאָס באַגרייפֿן שוין אַפֿילו די מחברים פֿונם פּלאַן גופֿא, וועלכע ווילן אין דער נייער אַלגעמיינער קאָאָפּעראַטיווער אָרגאַניזאַציע אַריינציען אויך די אַרבעטער פֿון פּריוואַטע אונטערנעמונגען.

מיר ווילן נישט באַהויפּטן, אַז אַזאַ קאָאָפּעראַטיווע אָרגאַניזאַציע איז אוממעגלעך אין אַ קלענערן מאָסשטאַב, ווען איר מיטגלידערשאַפֿט איז צווישן זיך געבונדן מיט אַן ענגן אידעישן באַנד. עס איז אָבער זינלאָז פֿאָרצושטעלן זיך, אַז אַזאַ מין אָרגאַניזאַציע זאָל אַרומנעמען אַלע יידישע אַרבעטער אין לאַנד אויף די יסודות פֿון אַן אַרבעטס- און פֿאַרבריכס-קאָמונע, און בפֿרט נאָך, אַז דאָס זאָל זיין דער יסוד פֿון דער סאָציאַליסטישער אַנטוויקלונג.

אין די ראַמען פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג קאָנען די קאָאָפּעראַטיווע אָרגאַניזאַציעס זיין אַ הילף-מיטל אין פּראָלעטאַרישן קאַמף; די הויפּט-ראָל וועט שטענדיק שפּילן דער אַרבעטער אין די פּריוואַטע אונטערנעמונגען.

און ווייל דאָס מערקט זיך שוין איצט אויך אין פּאַלעסטינע, הייבן זיך אויך דאָרט אָן צו באַווייזן נייע שטרעמונגען, מער אינטערנאַציאָנאַליסטישע און מער דורכגענומענע מיטן רעוואָלוציאָנערן גייסט.

ס'קאָנען אויך נישט העלפֿן די אַלע באַמיאונגען וואָס ווערן געמאַכט אין פּאַלעסטינע, אָפּצושיידן די אַרבעטערשאַפֿט פֿון די עפֿנטלעכע אַרבעטן, דערהויפּט בוי- און וועג-אַרבעטער, פֿון זייערע אייגנטלעכע בעלי-בתּים. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז די אָרגאַניזירונג פֿון דער עפֿנטלעכער אַרבעט דורך דער „הסתדרות" אין נישט שטענדיק אַ מעלה, הגם זי איז צייטנווייז אַ באַקוועמע פֿאָרם צו פֿאַרשאַפֿן אַרבעט. דאָס האָבן מיר געזען מיט אַ יאָר צוריק בעת דעם גרויסן קריזיס נאָך דער פֿאַרענדיקונג פֿון די וויכטיקסטע וועג-אַרבעטן. כּל-זמן די אַרבעטלאָזע האָבן זיך אומגעקוקט אויף דער אָרגאַניזאַציע, האָט נאָר אַ קליינער טייל פֿון זיי באַקומען אַרבעט; ווי באַלד אָבער זיי האָבן פֿאַרלוירן די געדולד און גענומען אַליין זוכן, האָבן זיי זיך כּמעט אַלע איינגעאָרדנט סיי ביי פּריוואַטע אונטערנעמער, סיי אין אייגענע קלענערע קאָאָפּעראַציון.

מיר זעען דעריבער, אַז די סכּנה פֿון קאָאָפּעראַציון סובסידיע-אָפּאָרטוניזם איז לחלוטין נישט אַזוי גרויס, ווי דאָס דאַכט זיך, און ביי אַ געהעריקער שטיצע מצד דער אַלוועלטלעכער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג קאָן זי אין אַ קורצער צייט באַגרעניצט ווערן ביזן מינימום.

דער אָפּאָרטוניזם ביים רוב יידישע אַרבעטער אין פּאַלעסטינע איז געווען צום טייל אַ פֿאַרבייגייענדיקער רעזולטאַט פֿון דער הילפֿלאָזיקייט און צום טייל אַ רעשטל פֿונם איבערגעבראַכטן אייראָפּעישן אָפּאָרטוניזם. מיט דער אַנטוויקלונג פֿון דער יידישער אַרבעטערשאַפֿט אין לאַנד, ביי דער מאַטעריעלער און גייסטיקער הילף פֿון אַלוו. יידישן פּראָלעטאַריאַט וועט ער אַלץ מער און מער פֿאַרשווינדן.

געבן די דאָזיקע הילף איז די אויפֿגאַבע פֿון דער באַוואוסטזיניקער יידישער אַרבעטערשאַפֿט אומעטום. אָן איר איז אוממעגלעך יעדער פּרוב פֿון אַ יידישער מאַרקסיסטישער באַוועגונג, ווייל אָן איר ווערן בטל אַלע ווירקונגען פֿון מאַרקסיזם אינם פּראָדוקטיוויזירונגס-פּראָצעס פֿונם יידישן לעבן און דער פּראָצעס גופֿא קאָן פֿאַרקריכן אויף פֿאַרשידענע זייטיקע אויס- און אונטער-וועגן.

ז. אַוועַרבוך / אונזער פּאַל.-אַרב.-פֿאָנד.

די פֿאָנדן פֿון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטערשאַפֿט דאַרפֿן זיין דורכאויס און באמת זעלבסטשטענדיק, אָן דעם פסעוודאָ-סאָציאַליזם פֿון די סאָציאַל-פּאַטריאָטישע און אָן דער נאַציאָנאַלער מאַסקע פֿון די בירגערלעך-ציוניסטישע פֿאָנדן. זיי דאַרפֿן זיך אויסטיילן נישט בלויז לויט זייער כאַראַקטער, נאָר אויך לויט זייערע אויפֿגאַבן, וואָס זיי שטעלן זיך. ד.ה. נישט נאָר לויט זייערע מיטלען, נאָר אויך לויט זייערע צילן.

דער יידישער ישוב אין פּאַלעסטינע געפֿינט זיך אין באַזונדערע באַדינגונגען און טראָגט אַן אַנדער כאַראַקטער, ווי די אַלע אַנדערע יידישע ישובים, וואָס זענען געשאַפֿן געוואָרן דורך דער עמיגראַציע. פּאַלעסטינע איז דאָס איינציקע לאַנד, וואו די יידן דרינגען אַריין אין דער אור-פּראָדוקציע. נישט אין קיין געטאָ פֿון ספּעציעלע נעבן-צווייגן פֿון דער אינדוסטריע האָבן זיך דאָרט די יידישע אַרבעטער פֿאַררוקט, נאָר זיי דרינגען אַריין אין די גרונט-צווייגן פֿונם לאַנד. אין דער שטאָט אינדוסטריע און אַפֿילו אין דער לאַנד-ווירטשאַפֿט פֿון פּאַלעסטינע פֿאַרנעמט דער יידישער אַרבעטער אַן אַנגעזעענעם אָרט. אויף אַלע געביטן פֿון דער אָרטיקער פּראָדוקציע איז דער ניי איינגעוואַנדערטער יידישער אַרבעטער אַ פֿאַקטאָר פֿון אַנטוויקלונג, דער פּיאָנער, וואָס שאַפֿט נייע ווירטשאַפֿטליכע און סאָציאַלע פֿאָרמען.

נישט נאָר אין איכות, נאָר אויך אין כמות הויבט זיך שוין אָן אויסצודריקן דער באַזונדערער כאַראַקטער פֿון יידישן ישוב אין פּאַלעסטינע. די אַלע אַנדערע פֿריערדיקע צענטערן פֿון דער יידישער עמיגראַציע האָבן איצט אינגאַנצן פֿאַרמאַכט זייערע טויערן פֿאַרן יידישן איינוואַנדערער. נישט נאָר די אויסערליכע באַגרענצונגען, נאָר אויך דער אינערליכער קריזיס און אַרבעטס-לאָזיקייט האָבן כמעט ווי אָפּגעשטעלט די יידישע איינוואַנדערונג נאָך די דאָזיקע לענדער. אין פּאַלעסטינע, אָבער, האָט זיך פֿאַר דער לעצטער, נאָך-מלחמה צייט פֿילפֿאַך פֿאַרגרעסערט די צאָל פֿון דער יידישער אַרבעטערשאַפֿט און דאָס איז פֿאָרגעקומען נישט געקוקט אויף די אַלע מניעות און באַגרענצונגען, וואָס האָבן געהאַנגט אויף דער יידישער אימיגראַציע.

אָבער נאָך מער פֿאַר דער יידישער אַרבעט דרינגט אַריין, אין דער לעצטער צייט, דער יידישער קאַפּיטאַל אין פּאַלעסטינע. די איבער 40 יאָר קאָלאָניזאַציע-טעטיקייט און די אַרבעט פֿון די אַלע ציוניסטישע פֿאָנדן און אַנשטאַלטן פֿאַר די לעצטע צען יאָר, האָבן דאָך אויסגעטראָטן אַ געוויסן וועג פֿאַרן פּריוואַטן קאַפּיטאַליסט. אַ קענטיקער טייל פֿון די אומפֿאַרמיידליכע „אומפּראָדוקטיווע הוצאות" פֿאַרן יידישן קאַפּיטאַליסט זענען געמאַכט געוואָרן דורך די ציוניסטישע פֿאָנדן און באַזונדערס דורך באַראָן ראָטשילד. פֿאַרן קליינעם און מיטעלן קאַפּיטאַל זענען אויף אייניקע געביטן פֿון דער פּראָדוקציע געוויסע פֿאַרבאַדינגונגען געשאַפֿן געוואָרן, און אויף אַזאַ אופֿן, צוגעגרייט אַ באָדן, פֿאַר ריווחדיקע געשעפֿטן. שוין היינט ציט-צו פּאַלעסטינע אַ טייל פֿון יידישע קאַפּיטאַליסטן נישט אַזוי מיטן פּראַכט פֿון איר וויטן עבר, ווי מיט די פּראָפֿיט-געשעפֿטן פֿון איר נאָענטער צוקונפֿט.

באַזונדערס איצט, אין דער איבערגאַנגס-תקופֿה פֿון שאַרפֿן בירגער-קריג און געלט-אַנטווערטונג אין מזרח-אייראָפּע, איז פֿאַר דעם יידישן קאַפּיטאַליסט פּאַלעסטינע געוואָרן דער „מקלט", די „היים", וואוהין ער קאָן אַרויסראַטעווען זיך פֿון רעוואָלוציע און פֿון שלעכטער וואַליוטע. איצט האָט פֿאַר זיי פּאַלעסטינע, וואָס איז נאָך ווירטשאַפֿטליך אַ נישט באַאַרבעט פֿעלד, באַקומען אַ באַזונדער חן.

דער יידישער קאַפּיטאַל פֿאַרפּעסטיקט זיין פּאָזיציע אין פּאַלעסטינע. אין קיין לאַנד איז דער יידישער קאַפּיטאַל נישט אַזוי גוט אָרגאַניזירט, ווי דאָרט.

ערשטנס, איז ער דאָרט פּאָליטיש געשיצט, האָט קיין מורא נישט אָפֿן און נישט אַנאָנים אַרויסצוטרעטן; צווייטנס, שטיצט ער זיך דאָרטן אויף אַ שטאַרקער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. דעריבער איז דער יידישער קאַפּיטאַליסט אין פּאַלעסטינע תקיף ביי זיך און אויסגעשפּראָכן רעאַקציאָנער.

די יידישע בורזשואַזיע אין אַנדערע לענדער האָט זיך נישט אַלע מאָל געקאָנט שטיצן אויף די רעאַקציאָנערע עלעמענטן פֿונם לאַנד, ווייל די דאָזיקע רעאַקציאָנערן זענען דאָס רוב אַנטיסעמיטיש. דאָס האָט אָפֿט געטריבן די יידישע בורזשואַזיע אין די רייען פֿון די אָפּאָזיציאָנעלע פּאַרטייען. דערמיט איז, טייל־ווייז, אויך אָפּגעשוואַכט געוואָרן דער קלאַסן־ווידערשטאַנד פֿון דער יידישער בורזשואַזיע. אין פּאַלעסטינע, אָבער, זענען זיי אַליין די גאַנצע מאַכערס און קאָנען זיך פֿאַרגינען צו שאַפֿן אַן אייגענע עכט־יידישע רעאַקציע.

פֿאַרקערט, די לאַגע פֿון דעם יידישן אַרבעטער אין פּאַלעסטינע איז אין דעם פּרט פֿיל ערגער, ווי אין אַנדערע לענדער. אין היפּוך צו דער בורזשואַזיע, איז די פּאָליטישע פּאָזיציע פֿון דעם פּראָלעטאַריאַט אין פּאַלעסטינע שוואַכער ווי אומעטום. אין אַלע אַנדערע לענדער איז דער יידישער אָרגאַניזירטער פּראָלעטאַריאַט אַ טייל פֿון דעם טעריטאָריאַלן פּראָלעטאַריאַט. די יידישע אַרבעטערשאַפֿט שטיצט זיך אָפֿט אין איר קאַמף אויף די כּוחות פֿון דעם פּראָלעטאַריאַט פֿונם לאַנד. די השפּעה פֿון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט איז דערפֿאַר צומאָל אַ סך גרעסער פֿאַר זיינע רעאַלע כּוחות. אין פּאַלעסטינע, אָבער, האָט דער יידישער פּראָלעטאַריאַט נישט אויף וועמען צו שטיצן זיך. די אָרטיקע אַראַבישע באַפֿעלקערונג סיי פֿון דאָרף און סיי פֿון שטאָט איז פֿינסטער און אָפּגעשטאַנען. די אַראַבישע מאַסע געפֿינט זיך אינגאַנצן אונטער דער השפּעה פֿון די קלעריקאַלע און שאָוויניסטישע אַראַבישע עלעמענטן. דער סאָציאַליסטישער יידישער אַרבעטער אין פּאַלעסטינע איז דער איינציקער רעוואָלוציאָנערער עלעמענט נישט נאָר אינעם יידישן לעבן, נאָר אויך אין לאַנד בכלל. דער יידישער אַרבעטער, אַרומגערינגלט מיט אַ פֿינסטערער מאַסע, מוז אַליין אויסשטיין דעם קאַמף מיט דער ענגלישער אָקופּאַציע־רעגירונג, מיט דער ציוניסטישער אַפּוטרופּסות און מיט דער אַראַבישער שוואַרצער מאה. דאָס דערקלערט אין אַ געוויסער מאָס פֿאַרוואָס די יידישע אַרבעטער פּאַרטייען אין פּאַלעסטינע זענען אַזוי אָפּאָרטוניסטיש און סאָציאַל־פּאַטריאָטיש.

אַזוי האָט די „אחדות העבודה“ צוזאַמען מיט די איבעריקע רעכטע גרופּן געשאַפֿן אַ פֿאַרצווייגטע סיסטעם פֿון מיטאַרבעטערשאַפֿט מיט דער יידישער בורזשואַזיע. קולטורעל, פּאָליטיש און ווירטשאַפֿטלעך זענען זיי דורך און דורך פֿאַרבונדן מיטן בירגערלעכן ציוניזם. אַז אַ שותּפֿות, אַזאַ קאָאַליציע מיט דער בורזשואַזיע, ווי די „אחדות־העבודה“ האָט געשאַפֿן, האָט צו זיך קיין גלייכן נישט אין קיין אַנדער לאַנד. נישט נאָר די מאַרקסיסטישע אידעאָלאָגיע און פּראָגראַם־פֿראַגן זענען פֿאַרנאַכלעסיקט געוואָרן, נאָר אַפֿילו פֿאַר די טאָג־טעגלעכע פּראָפֿעסיאָנעלע אינטערעסן פֿון דעם אַרבעטער איז אויך גאָרנישט געטאָן געוואָרן.

אָט צוליב וואָס פֿאַר דער יידישער אַרבעטערשאַפֿט אין פּאַלעסטינע שטייט באַזונדערס דרינגענד און שאַרף די פֿראַגע פֿון אויסבויען אירע קלאַסן־פּאָזיציעס און אַנטוויקלען אירע קאַמף־פֿעיִקייטן. זייענדיק אַליין באַגרענעצט אין כּוחות, אָן שום שטיצע פֿון אָרטיקן אַראַבישן פּראָלעטאַריאַט, איז זי אינגאַנצן אָנגעוויזן אויף דער שטיצע און הילף פֿון דעם אַלוועלטלעכן יידישן אַרבעטער־קלאַס. קעגן דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע מוז זי קעגנשטעלן די אַלוועלטלעכע יידישע אַרב. באַוועגונג. די רעוואָלוציאָנערע יידישע אַרבע-

טערשאַפט פון אַלע לענדער מוז קומען צו הילף דעם יידישן אַרבעטער אין פּאַלעסטינע און קרעפטיק שטיצן אים אין זיין איינזאַמען קאַמף מיט דער גוט-אָרגאַניזירטער יידישער רעאַקציע און אירע סאָציאַל-פּאַטריאָטישע מיטהעלפער.

קעגן די נאַציאָנאַלע פאָנדן פון די ציוניסטן און די קאָאַליציע-פאָנדן פון די רעכטע פּועלי-ציון, מוזן מיר שאַפן אונזער פּראָלעטאַרישן קאַמפס-פאָנד.

אמת, ס'איז נישט אונזער אויפגאַבע צו קאָלאָניזירן פּאַלעסטינע. צי הייסט עס אָבער, אַז מיר האָבן שוין דאָרט נישט קיינע ווירטשאַפטלעכע אויפגאַבן?

— בשום אופן נישט. יוצא זיין בלויז מיט ריינער פּאָליטישער אַרבעט, וואָלט געהייסן איבערכאַפן די מאָס אין אַ צווייטער ריכטונג און אַריבערגיין צו אַ צווייטן פאַלשן עקסטרעם. אַ לאַנד, ווי פּאַלעסטינע, וואו אַלץ ווערט ערשט געבויט פון אָנהייב און הייבט זיך ערשט אָן צו אַנטוויקלען און וואו פאַרשידענע פאָנדן שפּילן אַזאַ ראָל, דאָרט קאָן אויך דער אַרבעטער-קלאַס זיך נישט באַגיין אָן ווירטשאַפטלעכע אינסטיטוציעס און באַנוגענען זיך בלויז מיט ריינער פּאָליטישער טעטיקייט. נישט נאָר אין פּאַלעסטינע, נאָר אויך אין אַלע אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע לענדער איז דער אַרבעטער-קלאַס געצוואונגען צו פירן אַ געוויסע עקאָנאָמישע פּאָליטיק. דער קאַמף קעגן יקרות, קעגן שפּעקולאַציע, פאַר אַ העכערן לוין און קירצערן אַרבעטס-טאָג, ווי אויך אַ ברייט-פאַרצווייגטע נעץ פון פאַרשידענע אונטערשטיצונג-אַנשטאַלטן, ליי-קאַסעס, קראַנקן-קאַסעס, קאָאָפּעראַטיוון, אַרטעלן, אַרבעטער-באַנקען א.א.וו.

אין דעם אייגנטלעך ליגט דער אונטערשיד צווישן דעם ווירטשאַפטלעכן סאָציאַליזם און צווישן רעפאָרמיזם פון איין זייט, און דעם אַנאַרכאָ-סינדיקאַליזם פון דער אַנדערער זייט. דער ווירטשאַפטלעכער סאָציאַליזם באַטראַכט יעדע עקאָנאָמישע טעטיקייט פון פּראָלעטאַריאַט, אין די ראַמען פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, נישט ווי אַ ציל פאַר זיך אַליין גענומען, נאָר ווי אַ מיטל אָדער ווי אַ פּאָזיציע אין דעם קאַמף פאַרן סאָציאַליזם. דער געדאַנק, דורך אַ קאָאָפּעראַטיוו צו באַזיגן דעם קאַפּיטאַליזם, איז אַן אַבסורד. אַ קאָאָפּעראַטיוו, אָבער, ווי אַ שטיצע אין קלאַסן-קאַמף איז אַ רעאַלע און ממשותדיקע זאַך. דורך אַרטעלן סאָציאַליזירן די פּראָדוקציע, אָדער דורך אַרבעטער-באַנקען צו פאַרניכטן די ממשלה פון פינאַנץ-קאַפּיטאַל איז אַ געפערלעכע אוטאָפּיע. אָבער אויסנוצן עס ווי שטיץ-מיטלען פאַרן קלאַסן-קאַמף איז מעגלעך און נויטווענדיק. אוטאָפּיש און שעדלעך פאַר די אינטערעסן פון פּראָלעטאַריאַט וואָלט אויך געווען דאָס אָפּזאָגן זיך אינגאַנצן פון קאָאָפּעראַטיווע קראַנקן-, ליי- און שפּאָר-קאַסעס און אָנפירן נאָר אַ ריין פּאָליטישן קאַמף. דאָס ערשטע איז שעדלעכער רעוויזיאָניזם, דאָס צווייטע — נאַאיווער און נישט ווייניקער שעדלעכער פּאָליטיציזם.

דאָס זעלבע איז אויך בנוגע דער אַרבעט אין פּאַלעסטינע. אַרבעטער-קאָאָפּעראַטיוון מיטן צוועק צו קאָלאָניזירן דאָס לאַנד, ווי עס שטעלן זיך דאָס פאָר די רעכטע פּועלי-ציון, איז אַ שעדלעכע אוטאָפּיע. אָבער אַרבעטער-קאָאָפּעראַטיוון מיטן צוועק צו שטיצן די אַרבעטער אין זייער קאַמף איז אַ וויכטיקע און נויטווענדיקע קלאַסן-פּאָזיציע; אַרבעטער-„קבוצות" מיטן צוועק אויסצובויען אַ סאָציאַליסטישע פּאַלעסטינע איז אַן אומזין טעאָרעטיש — אין דער פּראַקטיק פאַרפירט עס אין זומפּ פון רעפאָרמיזם און ברענגט צו שלום און אחדות מיט דער ציוניסטישער בורזשואַזיע. אָבער דיזעלבע „קבוצות", ווי שטיץ-פּונקטן פאַר אַרבעטסלאָזע, ווי אַ הילפס-מיטל אינעם קלאַסן-קאַמף — איז פּרוכטבאַר און ברענגט נוצן דעם פּראָלעטאַריאַט אין זיין קאַמף.

דער פּאַל.-אַרב.-פאָנד דאַרף זיך דעריבער באַשעפטיקן מיט דער אָרגאַניזירונג פון אַרטעלן, קאָאָפּעראַטיוון און אַנדערע ווירטשאַפטלעכע אינסטיטוציעס. אָבער נישט מיטן ציל צו פאַר-

בייטן דעם קאַפּיטאַליזם, נאָר צו באַקעמפן אים. מיר ווילן נישט מיט אונזערע פאָנען, ווי די רעכטע פּ.-צ. מיט זייערע, צו קאָנקורירן מיט די בירגערלעכע, נאָר באַקעמפן זיי. אָט אין דעם ליגט דער פּרינציפּיעלער אונטערשיד צווישן אונזער ווירטשאַפטלעכער טעטיקייט אין פּאַלעסטינע און דער ווירטשאַפטלעכער טעטיקייט פון די רעכטע פּ.-צ.

אויך אויף דעם געביט פון קולטור האָט אונזער פאַנד זיינע ספּעציעלע אויפגאַבן. אויף קיין איין געביט פון סאָציאַלן לעבן אין פּאַלעסטינע האָט זיך די יידישע בורזשואַזיע נישט אַזוי באַפעסטיקט, ווי אויף דעם קולטורעלן. אין קיין לאַנד איז נישט אַזוי פאַרפאָלגט, ממש באַיקאָטירט די שפּראַך און די קולטור פון די יידישע מאַסן, ווי אין פּאַלעסטינע. דער גאַנצער שול-וועזן, אָנהייבנדיק פון דער פאָלקס-שול און ביז דער העכערער שול-בילדונג, איז אויף אַ געקינסטלטן אופן העברעאיזירט. די שולן זענען ווייט און פרעמד פון דער יידישער דעמאָקראַטישער קולטור און זענען נישט צוגענגלעך פאַר די יידישע פאָלקס-מאַסן. דעריבער האָט דער פּראָלעטאַרישער פאַנד אַ באַזונדער שווערע אויפגאַבע: מיט גרויסער מי און אַ פאַרעקשנטן קאַמף אויסצוקעמפן די רעכט פון דער יידישער שפּראַך אין פּאַלעסטינע, אויסצובויען די יידישע פאָלקס-שול און די יידישע קולטור.

מיר דאַרפן אָרגאַניזירן פאָרלעזונגען, אָוונט-קורסן אויף יידיש, אַרויסגעבן צייטונגען, ביכער, פירן די גאַנצע אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע אויף דער שפּראַך פון די יידישע מאַסן און צוגרייטן דעם באָדן פאַר דער יידישער אַרבעט-שול אין פּאַלעסטינע.

אויך בנוגע דער עמיגראַציע האָט אונזער פּאַל. אַרב.-פאַנד זיינע באַזונדערע אויפגאַבן. די אימיגראַציע אין פּאַלעסטינע טראָגט איצט אַן אַנדער כאַראַקטער ווי די אימיגראַציע אין אַלע אַנדערע לענדער.

אין אַלע אַנדערע לענדער גייט איצט אַ „פּאַסיווע“ אימיגראַציע, ד. ה., אַז די משפּחות, וואָס האָבן שוין לאַנג אויסגעוואַנדערט, נעמען איצט אַריבער צו זיך זייערע קרובים. עס פאָרן אַלזאָ אַריבער מענטשן, וואָס האָבן על פּי רוב סיי-ווי-סיי געלעבט אויף די מיטלען, וואָס זיי האָבן באַקומען פון זייערע קרובים פון אַמעריקע, קאַנאַדע, אַרגענטינע און א. וו. אויסוואַנדערונגען פון נייע פּראָדוקטיווע שיכטן און באַדייטנדע מאַסן זענען, אַ דאַנק די איצטיקע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע באַדינגונגען, אוממעגלעך געוואָרן. נישט קיין אַקטיווע, פּראָדוצירנדע מאַסן וואַנדערן איצט אויס, נאָר קליינע שיריים, נאָכווייענישן פון דער פריערדיקער עמיגראַציע. נישט קיין פּראָצעס פון עקאָנאָמישער איבערבויונג און אומשיכטונג פון יידישן לעבן דורך נייע עמיגראַציאָנס-כוואַליעס קומט איצט פאָר אין אַמעריקע און אין די פריערדיקע איינוואַנדערונגס-לענדער, נאָר דער אבשלוס, די פאַרענדיקונג פון דעם פריערדיקן עמיגראַציאָנס-פּראָצעס.

גאַנץ אַנדערש איז אָבער די איינוואַנדערונג אין פּאַלעסטינע. זי איז אַן „אַקטיווע“, ד. ה. אַז אין פּאַלעסטינע קומט פאָר נישט דער סוף פון אַ פריערדיקער איינוואַנדערונג, נאָר דער אָנהייב פון אַ נייער מאַסן-עמיגראַציע. דאָס זענען נישט די פאַרשפּעטיקטע, לעצטע פון דער אַלטער אימיגראַציע, נאָר די ערשטע, די פּיאָנערן פון אַ נייער עמיגראַציע. אין פאַרבינדונג מיט דעם ווערן פאַר אונז געשטעלט באַזונדערע אויפגאַבן.

אויך דאָ איז אונזער אויפגאַבע, אין קעגנזאַץ צו די רעכטע פּ.-צ., נישט אַרויסצורופן די עמיגראַציע, נישט אַניטירן די יידישע מאַסן, זיי זאָלן פאָרן קיין ארץ-ישראל, נאָר באַאיינפלוסן די עמיגראַציע, און אָרגאַניזירן איר. נישט אַגיטאַציע פאַר וואַנדערן, נאָר אַגיטאַציע צווישן די וואַנדערער. אויך נישט פילאַנטראָפּיע און גיכע הילף פאַר עמיגראַנטן, ווי עס ווילן די פאַרשידענע קליין-בירגערלעכע עמיגראַציע-געזעלשאַפטן — איז אונזער ציל, נאָר פּלאַנ-

מעסיקע אָרגאַניזירונג פון דער עמיגראַציע. צוליב אָט די צילן האָבן מיר פאַר זיך פאָלגנדיקע אַרבעטן:

1) קאַמף און אַגיטאַציע פאַר פרייהייט פון אויסוואַנדערונג.

2) קאַמף פאַר דער פּאָליטישער און יורידישער אָנערקענונג פון אַלע פּראָלעטאַרישע עמיגראַציע-געזעלשאַפטן.

3) קאָנטראָל פון די אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס איבער די פאַרשידענע בירגערלעכע עמיגראַציע-געזעלשאַפטן.

4) אומזיסטע אינפאָרמאַציע פאַר די עמיגראַנטן.

5) קורצטערמיניקע-קורסן פאַר פאַך-בילדונג, מוסטער-ווערקשטאַטן, קאָאָפּעראַטיוון און פּראָדוקציע-אַרטעלן פאַר די עמיגראַנטן.

6) אָרגאַניזירן עמיגראַציע-אָפּטיילונגען ביי די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און אַרבעט בירושעס.

7) מאָביליזירן און אויסטיילן ספּעציעלע קאַדרען באַוואוסטזיניקע אַרבעטער, וואָס זענען פעיק צו אָרגאַניזירן און אָנצופירן פאַרשידענע ווירטשאַפטלעכע און פּאָליטישע אַרבעטער-אַנשטאַלטן אין פּאַלעסטינע.

8) קאַמף קעגן פּאָליטישן קאַראַנטין פון די ציוניסטן פאַר די איינוואַנדערער אין פּאַלעסטינע.

אין פּאַלעסטינע גופא:

1) גרינדן אַרבעטער-היימען פאַר די אָנגעקומענע אַרבעטער, זיי זאָלן גלייך פון ערשטן טאָג נישט דאַרפן אָנקומען צו די בירגערלעכע ציוניסטן און אונטערפאַלן אונטער זייער השפעה.

2) עפענען אַרבעט-ביוראָען.

3) דער קאַמף קעגן די עמיגראַציע-באַגרענצונגען.

און בכדי די אַרבעט זאָל נישט זיין כאַאָטיש און צושפּליטערט, איז נויטיק צו שאַפן אַ צענטראַלן עמיגראַציע-אָרגאַן ביים וועלט-פאַרבאַנד, וואָס זאָל קאָאָרדינירן די עמיגראַציע-אַרבעט פון אַלע לאַנד-פּאַרטייען.

דער צענטראַלער עמיגראַציע-אַמט דאַרף אויך אָרגאַניזירן די הילף פאַר די עמיגראַנטן אין די דורכפאָר-לענדער, וואו די וואַנדערער קומט אָפּט אויס, צוליב די פאַרשיידענע רייזע-שוועריקייטן, צו פאַרהאַלטן זיך חדשים לאַנג.

אַלץ וואָס דער פּאַלעסטינע-אַרב.-פאָנד וועט אויפטאָן, סיי אויפן געביט פון ווירטשאַפט, קולטור און עמיגראַציע, איז עס נישט אום אַפּצורוימען דעם וועג פאַרן פּריוואַטן קאַפּיטאַל. אונזער פאָנד איז נישט קיין כלל-ישראל און נישט קיין נאַציאָנאַל-סאָציאַלער פאָנד, נאָר אַ קאַמף-פאָנד — אַ רינגעלע אין דער קייט פון אַלוועלטלעכן קאַמף, וואָס עס פירט דער יידישער אַרבעטער-קלאַס.

דער פּאַל.-אַרב.-פאָנד דאַרף שאַפן נישט קיין נאַציאָנאַלע פּאָזיציעס פאַרן יידישן קאַפּיטאַליסטן-קלאַס, נאָר קלאַסן-פּאָזיציעס פאַר דער יידישער פּראָלעטאַרישער נאַציע.

סטאַטיסטישע טאַבעלן

פון די ייִדישע אַרבעטער אין פּאַלעסטינע.

בערך מיט אַ האַלבן יאָר צוריק האָט די אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציע („הסתדרות הכללית”) דורכגעפירט אַ ציילונג כדי פעסטצושטעלן דעם פאַמיליע-צושטאַנד און פּראָפעסיאָנעלן צוזאַמענשטעל פון די ייִד. אַרבעטער אין ארץ-ישראל. איצט געפינען מיר אינם אָפיציעלן אָרגאַן פון דער הסתדרות „פנקס” די רעזולטאַטן פון דער דאָזיקער ציילונג. פון דעם נעמען מיר אַרויס די ווייטערדיקע ידיעות.

פּראָפעסיאָנעלער צוזאַמענשטעל.

פון די 16.608 פראַגע-בויגנס וואָס זענען אָנגעקומען צום באַשטימטן טאָג (10 סעפּט.) האָבן אויף דער דאָזיקער פראַגע געענטפערט בלויז 13.058. 3360 בויגנס האָבן נישט געגעבן קיין קלאָרע תשובה, 1291 האָבן בכלל נישט געענטפערט, 2259 האָבן בלויז באַצייכנט „הויז-אַרבעט”. ביי דער אויסרעכנונג פון די פּראָצענטן פון די פאַרשידענע פּראָפעסיעס זענען גענומען געוואָרן אין אַכט בלויז די 13,058, וואו ס'איז גענוי אָנגעגעבן דער פאַך.

	פאַך	צאָל באַשעפטיקטע	
		אַלגעמיינע צאָל	פּראָצענט
1	ערד-אַרבעט	2603	19,9
2	בוי	2196	16,8
3	געזעלשאַפטלעכע אַרבעט און שוואַרץ-אַרבעט	1551	11,9
4	טעקסטיל, באַקליידונג, באַשוכונג	1273	9,8
5	ביוראָ-באַאַמטע	1165	9,0
6	מעטאַל	967	7,4
7	האָלץ	707	5,4
8	פאַרקער	629	4,9
9	דערנערונג	487	3,6
10	דערציונג	377	2,8
11	הייל	317	2,5
12	פאַפּיר און דרוק	281	2,2
13	פרייע פּראָפעסיעס (הוין דאָקטוירים און לערער)	236	1,8
14	פאַרשידענע	269	2,0
	סך הכל . . .	13058	100%
	הויז אַרבעט . .	2259	
	נישט געענטפערט	1291	
	אַרום און אַרום . .	16608	

די פאַרטיילונג פון די אַרבעטער לויט זייער אַרבעטס-אָרט

(לויט דער ציילונג פון 10-טן סעפּטעמבער 1922).

אָרט	צאָל אַר-בעטער	אָרט	צאָל אַר-בעטער	אָרט	צאָל אַר-בעטער	אָרט	צאָל אַר-בעטער
אילת-השחר	59	זרעוניה	29	מגדל	25	עכו	4
באר-טוביה	21	חברון	44	מוצא	22	עפולה	18
באר-יעקב	15	חדרה	149	מחנה-יהודה	72	עקרון	21
באר-שבע	11	חולדה	41	מחנים	34	עתלית	211
בית-גן	1	חיפה	1851	מנחמיה	6	פוריה	2
בתניה א	44	חפצי-בה	24	מסחה	10	פתח-תקוה	452
„ ב	4	טבריה	365	מצפה	21	צמח	36
פלח	34	טירה	13	מקוה-ישראל	154	צפת	72
בלפוריה	25	יבנאל	60	מרחביה	63	קלנדיה	11
בן-שמן	33	יסוד המעלה	1	מרח	8	קסריה	19
גבעה	21	יפו צוזאַמען		מתולה	1	ראש-פנה	19
גבעת-בנימין	80	מיט תל-אָביב	5087*)	נחלול	378	ראשון לציון	253
„ שאול	160	ירושלים	4597	נחליאל	42	ראש-אל-עין	1
גדרה	21	כברה	10	נחלת-יהודה	25	רוחמה	14
גשר	20	כנרת	44	נס-ציונה	40	רחובות	181
דגניה א	60	כפר-אוריה	21	נצרת	29	שיבת-ציון	91
„ ב	44	כפר-גלעדי	57	סג'רה	101	שערים	132
„ ג	13	כפר-סבא	27	עזה	27	שרונה	7
דילב	67	כרכור	22	עין-גנים	35	תל-הי	28
הר-טוב	16	כרמל א	31	עין-חרוד	210	תל-יוסף	109
הר-כנרת	20	„ ב	12	עין-חי	49	תל-צור	15
זכרון-יעקב	140	לוד	13	עין-טבעון	99		

*) דערפון אין יפו — 1308, אין תל-אָביב — 3757 און אין שכונת-באַראַכאָוו — 22.

בסך-הכל געפינען זיך אין די 88 פונקטן 16554 אַרבעטער.

אין דעם חשבון פעלן די ענטפערס פון בערך 20 פונקטן, אַזוי אַרום איז די צאָל אַר-בעטער פאַקטיש נאָך גרעסער.

פֿאַמיליען לאַגע פֿון די יידישע אַרבעטער

אומפֿאַרהייראַט 9729 (58,5%), **פֿון זיי: מענער** 8095 (48,7%), **פֿרויען** 1634 (9,8%).
חתונה-געהאַטע 6879 (41,5%), **פֿון זיי: מענער** 3809 (23%), **פֿרויען** 3070 (18,5%).
פֿון זיי איינזאַמע — אלמן, אלמנה, גע'גטע, אָדער וואָס די פֿאַמיליע איז אין אויסלאַנד — 1741 (10,5%), מענער 1241 (7,5%), פֿרויען 500 (3%).
פֿון זיי פֿאַרפֿאַלק — 5138 (31%), מענער 2568 (19,5%), פֿרויען 2570 (15,5%).
(צוויי תימנער פֿאַרמאָגן צו צוויי ווייבער).

סך-הכּל דערוואַקסענע 16,608 קינדער: יונגלעך און מיידלעך 4,786 ס"ה 21,394 נפֿשות

די שטאָטישע פּראָדוציר-קאָאָפּעראַטיוון

די אַלגעמיינע צאָל פֿון שטאָטישע קאָאָפּעראַטיוון איז בנ"ך 20. מיר גיבן איבער פֿאָלגנדע סטאַטיסטישע מאַטעריאַלן וועגן אַ טייל פֿון זיי.

צאָל	נאָמען	שטאָט	פֿאַך	צאָל מיטגלידער	אַרבעטנדע ניט־מיטגליד.	חודש פּראָ־דוקציע אין עגיפּט. פֿונט
1	עמל	חיפֿה	מעכאַניק	15	—	330
2	כּרמל	„	האָלץ	32	5	1100
3	אחוה	„	—	5	2	85
4	כּח	ירושלים	שיך	5	1	54
5	חרות	„	וואַסערלייטונג	5	1	?
6	השחר	„	בוכבינדעריי	7	—	?
7	תּועלת	יפֿו	שיך	8	1	150
8	הפּועל הצעיר	„	דרוקעריי	11	7	200
9	אחדות	„	„	15	4	350
10	נקיון	„	וועשעריי	6	—	30
11	דרור	„	שמידעריי	23	—	?
12	מתכת	„	שלאָסעריי	7	—	?

דער אַרבעטס-לוין

א) אין די שטאָטישע קאָאָפּעראַטיוון.

צאָל	נאָמען	שטאָט	פֿאַך	קלענסטער לוין	גרעסטער לוין	דורכשניטלעכער לוין אין פּיאַסטער
1	עמל	חיפֿה	מעטאַל	15 פּיאַסט.	80	55 טעגלעך
2	כּרמל	„	האָלץ	45	160	66 „
3	אחוה	„	—	1100	1800	1340 חודש
4	חירות	ירושלים	וואַסערלייטונג	1500	1500	1500 „
5	השחר	„	בוכבינדעריי	650	1200	800 „
6	תּועלת	יפֿו	שיך	800	1600	1137 „
7	הפּועל הצעיר	„	דרוקעריי	500	2200	1000 „
8	אחדות	„	„	950	2800	1486 „
9	מתכת	„	שלאָסעריי	800	800	800 „
10	דרור	„	שמיד-וואַרשט.	25	80	66 טעגלעך

ב) ביים אמט פאר געזעלשאפטלעכע ארבעטן: לויט אן אנקעטע, וואס האט ארומגענומען 1200 ארבעטער, פארדינען דורכשניטלעך
פון 3 ביז 5 פונט א חודש 66,5 פראצ.
" 5 " 7 " " 20,2 "
" 7 " 12 " " 13,3 "
דער דורכשניטלעכער פארדינסט איז פאלגנדער:
אין תל-אביב — 4—3,75 פונט א חודש; אין חיפה — 6,5 פ.; אין ירושלים — 6 פ.; טבריה — 5—6 פ.; עתלית — 5—6 פ.; ראשון לציון — 5—6—7 פ.; ארבעטער-קבוצות מיט א גרעסערן פראצענט פון ספעציאליסטן פארדינען מער ווי דער דורכשנים, ד. ה. פון 7 ביז 12 פונט א חודש אויף א מענש.
דער טאג-לוין ביים משרד איז אפילו 30 פיאסטער א טאג און מער, וואס וואלט געדארפט אויסמאכן א חודש בערך 8 פונט. דער דורכשניטלעכער פארדינסט איז אבער קלענער, צוליב ארבעטסלאזיקייט, קראנקהייטן און פארשידענע אנדערע סיבות.
ג) אין דער לאנדווירטשאפט אין ראשון לציון איז דער לוין פון די אראבער 8—10 פיאסטער א טאג א דערוואקסענעם און 5—7 פיאסט. א יונגטלעכן, ייד. ארבעטער 15 פיאס.
אויף די פערמעס פון יק"א באקומען די יידישע ארבעטער 25 פיאסטער א טאג. אין דעם פארם פון „אגודת נטעים" אין סג'רה 20—25 פיאסטער. אין פריוואטע גערטנער אין רחובות (אקארד-לוין) 10—22 פ. דער ארבעטס-לוין אין די קאלאניעס איז לעצטנס געפאלן פון 20 אויף 15 פיאסטער פון יינצן און פון 15 אויף 10 פאר אראבער. די סיבה איז דאס פאלן פון די מקחים אויף לעבנסמיטלען און דער דרוק פון די קאלאניסטן.

גדוד העבודה

דער גדוד העבודה איז איינע פון די אינטערעסאנטסטע דערשיינונגען אין נייעם ארץ-ישראלדיקן יידישן ארבעטער-לעבן. געגרינדעט האט זיך דער גדוד נאך די טעג פון תל-חי, נאכן העלדישן טויט פון יוסף טרומפעלדאר. אין יסוד פון זיין גרינדונג איז אויעקגעלייגט געווארן די אידעע פון בשותפותדיקער ארבעט און לעבן, פון קאמוניסטישן לעבנסשטייגער, פון אבליגאטארישער ארבעט, פון אונטערווארפן דעם אינטערעס פון יחיד דעם אינטערעס פון כלל.

דער גדוד העבודה שטרעבט צו שאפן פון ארץ-ישראל איין גרויסעווירטשאפטלעכע קאמונע. דערווייל איז ער אליין א גרויסע קאמונע, נישט קיין פארמאכטע. יעדער נייער ארבעטער, וואס איז מסכים צו לעבן אויף קאמונע-יסודות און איז זיך גרייט אונטערצווארפן דער דיסציפלין פון גאנצן קאלעקטיוו, ווערט צו יעדער צייט אויפגענומען אינם גדוד. די הכנסות פון יעדן חבר, וואו ער זאל נישט ארבעטן און וואס פאר א פאסטן ער זאל נישט פארנעמען, וואס פאר א קוואליפיקאציעס ער זאל נישט באזיצן, גייען אריין אין דער געמיינזאמער קאסע פון גדוד; יעדער באקומט פון דער בשותפותדיקער קאסע זיין עסן, קליידונג, קולטור-באדערפענישן און אויף אנדערע הוצאות אויף אזויפיל, וויפיל דער גדוד איז אימשטאנד צו געבן לויט אן אויסרעכענונג, וואס ווערט געמאכט פון צייט צו צייט.

דער גדוד שטרעבט אליך אליין צו פראדוצירן. אין גדוד זענען פאראן א וועשעריי, שניידעריי, שוסטעריי, בעקעריי, א גרינס-גארטן, א קירושנער, א פישער-גרופע א. אנד. אויסגעוואקסן איז דער גדוד ביי דער עפנטלעכער ארבעט. זיין קערן איז געשאפן געווארן אויפן שאסיי טבריה—צפת. נאכדעם האט דער גדוד איבערגענומען אויף זיין אייגענער אחריות דעם כביש טבריה—טבחה. א צווייטער פליגל

האָט איבערגענומען די אייזנבאַן-אַרבעט ראש-על-עין — פּתח-תקוה. איבער 500 אַרבעטער פֿון גדוד זענען במשך פֿון אַנדערהאַלבן יאָר ביי דער עפֿנטלעכער אַרבעט.

דער גדוד איז איינגעטיילט געווען אין קליינע קבוצות, וואָס באַשטייען מייסטנס פֿון 10 חברים. יעדע קבוצה קלייבט פֿון זיך אויס אַ ראש-הקבוצה. דער ראַט פֿון די אַלע ראשי-הקבוצה, איז נאָך דער אַלגעמיינער פֿאַרזאַמלונג, דער אָנפֿירנדער אָרגאַן פֿונם גדוד.

אַסאַך אויפֿמערקזאַמקייט ווערט געלייגט אויף דער אַנטוויקלונג פֿון זעלבס-טעטיקייט און זעלבסט-דערציונג. שבת פֿאַרנאַכט ווערן אין קלוב אויסגעהאָנגען סטאַטיסטישע טאַבעלן און דיאַגראַמען, וועלכע דעמאָנסטרירן די פּראָדוקטיוויטעט פֿון יעטוועדער קבוצה במשך פֿון דער וואָך, כדי יעדע קבוצה זאָל זיין פֿאַראינטערעסירט, אַז אירע חברים זאָלן אַרויסגעבן דעם מאַקסימום פֿון אַרבעט. אַ קבוצה, וואָס בלייבט הינטערשטעליק אין אַרבעט במשך פֿון אַ צייט, ווערט אויפֿגעלעזט און אירע חברים ווערן צעטיילט צווישן אַנדערע, בעסערע קבוצות. אַ חבר וואָס אַרבעט במשך פֿון אַ לענגערער צייט ווייניק און אומפּראָדוקטיוו אָן אַ געהעריקער סיבה, קאָן ווערן אויסגעשלאָסן פֿון גדוד. צוליב דעם אַלעם וואַקסט די פּראָדוקטיוויטעט פֿון דער אַרבעט ביי די מיטגלידער פֿון גדוד.

במשך פֿון לעצטן יאָר איז דער גרעסטער טייל חברים פֿון גדוד אַריבער צו לאַנדווירטשאַפֿט. די לאַנדווירטשאַפֿטלעכע קאָמונע געפֿינט זיך אין עין-הרוד. דאָרט זענען באַשעפֿטיקט 350 חברים.

די שטאָטישע אַרבעטער פֿונם גדוד זענען קאָנצענטרירט הויפּטזעכלעך אין ירושלים, בערך 110 חברים. זיי זענען באַשעפֿטיקט ביי בוי-אַרבעט, שניידעריי, סטאָלעריי, שמידעריי, מעכאַניק און גערטנעריי. פֿאַראַן אויסזיכטן פֿון וואַפֿנעריי, זאַמדעריי, שטיין-אַרבעט. ס׳ווערט געפּלאַנט צו קאָנצענטרירן אויף איין אָרט אויך די שטאָטישע חברים פֿונם גדוד.

אין גדוד העבודה געפֿינען זיך איצט 671 חברים, פֿון זיי 487 מענער און 184 פֿרויען.

אַמט פֿאַר געזעלשאַפֿטלעכע אַרבעט

דער אַמט פֿאַר עפֿנטלעכער אַרבעט איז די צענטראַלע אַנשטאַלט פֿון דער א״י אַרבעטער-שאַפֿט, וואָס איר עובדא איז איבערצונעמען פֿאַרשידענע עפֿנטלעכע און בוי-אַרבעטן ביי דער רעגירונג, געזעלשאַפֿטלעכע אינסטיטוציעס און פּריוואַט-אונטערנעמער און פֿירט מיט זיי אָן ווירטשאַפֿטלעך און פֿינאַנציעל.

ביז דער חיפֿה׳ר גרינדונגס-קאָנפֿערענץ פֿון דער אַלגעמיינער אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע האָבן צוויי פּאַרטייען — אחדות העבודה און הפועל-הצעיר געפֿירט די דאָזיקע אַרבעט באַזונדער, יעדע פֿאַר זיך. ביידע פּלעגן קאָנקורירן נישט בלויז קעגן פּריוואַטן אונטערנעמער, נאָר אַפֿילו קעגנזייטיק צווישן זיך. די חיפֿה׳ר קאָנפֿערענץ האָט אָפּגעשאַפֿט די דאָזיקע באַזונדערע ווירטשאַפֿטלעכע אַרבעט און געגרינדעט ביי דער הכתדרות הכללית דעם אמט פֿאַר עפֿנטלעכער אַרבעט (משרד לעבודות צבוריות). די חיפֿה׳ר קאָנפֿערענץ האָט אויך אויסגעקליבן אַ ראַט פֿון 5 פּערזאָן, וואָס זאָל מיט דער אַרבעט אָנפֿירן. לויטן אָרגאַניזאַציאָנס-סטאַטוט, וועלכער ווערט אָבער נישט אָפּגעהיטן, איז די העכסטע אינסטאַנץ פֿונם אַמט די קאָנפֿערענץ פֿון די אַרבעטער, וואָס זענען באַשעפֿטיקט ביי די עפֿנטלעכע אַרבעטן. די דאָזיקע אַרבעטער זענען אָרגאַניזירט אין אַ באַזונדער פֿאַך-אָרגאַני-

זאַציע, אַלס אַ צווייג פֿון דער אַלגעמיינער פּראָפֿעסיאָנעלער אָרגאַניזאַציע פֿון די לאַנד-אַרבעטער. די קאָנפֿערענץ פֿון די עפֿנטלעכע אַרבעטער דאַרף באַהאַנדלען אַלע פֿראַגן פֿון אַרבעטס-לוין, אַרבעטס-פֿאַרטיילונג, אָרגאַניזאַציע, פֿאַרוואַלטונג א. א. וו. די קאָנפֿערענץ קלייבט אויס דעם אמט פֿאַר עפֿנטלעכער אַרבעט, וועלכער איז דער צ. ק. פֿון דער אָרגאַניזאַציע. ער פֿירט אָן מיט דער גאַנצער אַרבעט, נעמט איבער די אַרבעטן, שרייבט אונטער די קאָנטראַקטן, אַרבעט אויס די בודזשעטן א. א. וו. די קאָנפֿערענץ קלייבט אויס אַ „קאָמיסיע פֿאַר אויסגלייכן די פּרייזן", וועלכע באַשטימט דעם אַרבעטס-לוין פֿון די אַרבעטער, אָנגעשטעלטע און מיטגלידער פֿונם „אמט פֿאַר עפֿנטלעכער אַרבעט". די פּרייזן זענען נישט קיין גלייכע פֿאַר אַלעמען, זיי ווערן באַשטימט אָפּהענגיק פֿון אָרט און די אַרבעטס-באַדינגונגען.

די אַרבעט ווערט איבערגעגעבן אויסצופֿירן אויף זייער אייגענער אחריות גרופּן אַרבעטער פֿון 40 ביז 100 מאַן. אַזוי גערופֿענע „חבורות" אַ גרעסער אינטערגענומענע אַרבעט ווערט דורכן אמט צעטיילט צווישן אַ ריי חבורות. יעדע חבורה אָרגאַניזירט זיך פֿרייוויליג און נעמט איבער די אחריות פֿאַר אַ באַשטימטן טייל אַרבעט קאָלעקטיוו. די חבורה מאַכט דעם קאָנטראַקט דירעקט מיטן אמט, באַקומט פֿון אים דעם אימזאַץ-קאַפּיטאַל, אַ קרעדיט אין „המשביר" (צענטראַלער אַרבעטער-קאָאָפּעראַטיוו אין א"י), די צעלטן, אין וועלכע ס'וואוינען די אַרבעטער, די איינאָרדנונג און אַרבעטס-געצייג. יעדע חבורה איז זיך מתחייב צוצושטעלן די פֿאַרטיקע אַרבעט לויט אַ באַשטימטן טערמין. דער ריווח, ווי דער היזק גייען אויפֿן חשבון פֿון די אַרבעטער לויט גלייכע חלקים. איינע פֿון די מוסטערהאַפֿטסטע חבורות איז די „חבורת באָראָכאָוו", וועלכע איז געשאַפֿן געוואָרן דורך אונזערע פּוילישע חברים. צוזאַמען מיט עלטערע קוואַליפֿיצירטע אַרבעטער געפֿינען זיך דאָרט ייִנגערע נישט-לאַנג אָנגעקומענע אַרבעטער. דאָס איז נישט בלויז אַ צופֿעליקע אין לויזע ווירטשאַפֿטלעכע פֿאַרייניקונג, ווי אַנדערע חבורות, זי טראָגט גלייכצייטיק אויך אַ אידעאישן כאַראַקטער. דאָס וואוין-אָרט פֿאַר יעטווידער גרופּע אַרבעטער ווערט געווייגלעך פֿעסטגעשטעלט פֿון אַ דאָקטאָר. די אַרבעטער וואוינען ווינטער אין צעלטן, זומער אין ביידלעך, באַדעקט מיט ראָגאָזשעס. דאָס אַלץ צוזאַמען מיט דער אינערלעכער איינאָרדנונג, מיט בעט-וועש דאַרף צושטעלן דער אמט.

די קיך ווערט געפֿירט בשותפֿות פֿאַר אַלע אַרבעטער אין געגעבענעם פּונקט, וועלכע קלויבן אויס די קיך-קאָמיסיע, וואָס פֿירט אָן מיט דער ווירטשאַפֿט. אין אַנדערע ערטער זענען אויך פֿאַראַן בשותפֿותדיקע בעקערייען, וועשערייען און שניידערײַ.

אין גרעסערע פּונקטן עפֿנט זיינע אָפּטיילונגען „המשביר".

די אַרבעטער קראַנקן-קאַסע עפֿנט אויף אין די גרעסערע פּונקטן קראַנקן-הייזער, אין די קלענערע — אַמבולאַטאָריומס.

די קולטור-אַרבעט ווערט געפֿירט פֿון קולטור-אַמט ביי דער אַלגעמיינער אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע. אין יעדן פּונקט קלייבן די אַרבעטער אויס אַ קולטור-קאָמיסיע. כמעט אומעטום זענען פֿאַראַן ביבליאָטעקן און קורסן. די ביכער ווערן אַריינגעשיקט פֿון דער צענטראַלער ביבליאָטעק. אין אייניקע ערטער דערשיינען אַפֿילו צייטונגען (אין כנרת דערשיינט אַ הומאָריסטישע צייטונג „שפּיפּין", דער גדוד העבודה אין פּתח-תקווה גיט אַרויס אַ צייטונג „מחיינו", אין מגדל דערשיינט דער „הסולל", וועלכער איז שפּעטער געוואָרן דער אָרגאַן פֿון אַלע שאָסיי-אַרבעטער). פֿאַרשטייט זיך, אַז די גאַנצע אַרבעט פֿון צענטער ווערט געפֿירט נאָר אין העברעיש. אין די פּונקטן אָבער קומען פֿאָר פֿון צייט צו צייט אויך ייִדישע רעפֿע-

ראַטן. מ'קוויקט זיך דאָרט גאַנץ געשמאַק מיט אַ יידישער צייטונג בכלל.

אַחוץ די קלענערע חבורות איז אַ גאַנצע ריי אַרבעטן איבערגענומען געוואָרן דורך **דעם** גדוד העבודה.

די אָרדנונג אין אַמט איז אַ ביוראָקראַטישע, די פירונג שטייט נישט אויף אַ געהעריקער פּאַלמענערישער הויך, די ווירטשאַפט איז אַ שלעכטע, אַזוי אַז **דער** פּראָצענט אויף אַדמיניסטראַטיווע הוצאות איז אַ צו הויכער. פונדעסטוועגן פאַרנעמט די אַרבעט פונם אַמט אַ חשובן אָרט ביי דער אַרבעטערשאַפט. די צאָל אַרבעטער, וואָס זענען באַשעפטיקט ביי די שאָסיי-אַרבעטן, ווערט טאַקע אַלץ קלענער, צוליב דער שפּאָרזאַמקייטס-פּאָליטיק פון דער פּאַלעסטינער רעגירונג. אין דער לעצטער צייט ווערן אָבער אַלץ מער אַרבעטער באַשעפטיקט ביי בוי-אַרבעט, אַזוי אַז די צאָל אַרבעטער ביי עפנטלעכע אַרבעטן וואַקסט.

די ווייטערדיקע ציפערן גיבן אַ קלאָר בילד דערפון:

צוזאַמען	בײַ בוי אַרבעט	בײַ שאָסײען א. אַנ. נישט בוי	חודש
1156	259	897	דעצעמבער 1921
1195	343	852	יאַנואַר 1922
1392	300	1092	מערץ „
1250	438	812	אַפּריל „
1700	805	895	מאַי „
2040	1180	860	יולי „
2110	1475	635	אויגוסט „
2480	1605	875	סעפּטעמבער „

די יידישע אַרבעטער הערן אויף צו זיין פאַרנומען ביי צופעליקע אַרבעטן, זיי הייבן אָן באַשעפטיקט צו ווערן ביי אַ שטענדיקן ווירטשאַפטלעכן עקאָנאָמישן צווייג — ביי דער בוי-אינדוסטריע. אַזוי איז אין דעצעמבער 1921 געווען די פאַרהעלטניש פון די בוי-אַרבעטער צו די איבעריקע עפנטלעכע אַרבעטער בערך 29 פּראָצ., אין סעפּטעמבער 1922 איז זי שוין געווען איבער 180 פּראָצ. די נייע אַרבעט טראָגט שוין אויך נישט אין אַזאַ גרויסער מאָס קיין צופעליקן כאַראַקטער. פריער פלעגן פיל אַרבעטן געגעבן ווערן דורך דער רעגירונג, כדי צו באַשעפטיקן די אַרבעטסלאָזע. איצט איז עס לגמרי פאַרשוואונדן, ווי ס'ווייזט די ווייטערדיקע טאַבעלע:

פּראָצ. (אַרבעטער ביי פּריוואַטער־אַרב.)	צאָל (אַרבעטער ביי פּריוואַטער־אַרב.)	פּראָצ. (אַרבעטער ביי רעגירונגס־אַרב.)	צאָל (אַרבעטער ביי רעגירונגס־אַרב.)	חודש
59	686	41	470	דעצעמבער 1921
54	645	46	550	יאַנואַר 1922
56	705	44	687	מערץ „
67	835	33	415	אַפּריל „
88	1490	12	210	מאַי „
89	1820	11	220	יולי „
94	1980	6	130	אויגוסט „
96	2390	4	90	סעפּטעמבער „

די אַלע דאָזיקע טאַבעלן באַווייזן, אַז **די** יידישע אַרבעטער אין פּאַלעסטינע האָבן **דערוואָרבן** אַ גענוג פעסטן עקאָנאָמישן יסוד.

די אַרבעטער-קראַנקן-קאַסע

בײַם הײַנטיקן טאָג איז די אַרבעטס-שוץ-געזעצגעבונג אין פּאַלעסטינע זייער שוואַך אַנטוויקלט. עס עקזיסטירט נאָך נישט קיין געזעץ וועגן מלוכהשער קראַנקן-פֿאַרזאָרגונג. דערפֿאַר האָט זיך אָבער די ארץ-ישׂראלדיקע אַרבעטערשאַפֿט אָרגאַניזירט איר אייגענע אַרבעטער קראַנקן-קאַסע, וועלכע נעמט אַרום אַ באַדײַטנדן טייל פֿון דער אַרבעטערשאַפֿט און איז איינע פֿון די וויכטיקסטע אַרבעטער-אינסטיטוציעס אין לאַנד.

די אַרבעטער קראַנקן-קאַסע נעמט איר אָנהויב נאָך פֿון די צײַטן פֿון דער טערקישער הערשאַפֿט; זי איז געגרינדעט געוואָרן בערך מיט אַ 10 יאָר צוריק דורך די לאַנדווירטשאַפֿטלעכע אַרבעטער. דערצו האָבן מיטגעווירקט צוויי מאָמענטן: ערשטנס די ספּעציפֿיש שלעכטע היגיענישע באַדינגונגען פֿון די לאַנד-אַרבעטער, וועלכע האָבן געלעבט ווײַט פֿון אַ גרעסערן שטאָטישן ישוב און אין דערזעלבער צײַט געווען גיכער אונטערגעוואָרפֿן פֿאַרשיידענע קראַנקהייטן אין די זומפּיקע ערטער. צווייטנס זענען די לאַנדווירטשאַפֿטלעכע אַרבעטער אַ צײַט לאַנג געווען די אַנטוויקלסטע און אַמבעסטן אָרגאַניזירטע אין ארץ ישׂראל.

נאָך דער מלחמה האָבן עקזיסטירט באַזונדערע קראַנקן-קאַסעס בײַ אחדות העבֿודה און הפּועל הצעיר. די חיפֿהר קאָנפֿערענץ פֿון דער הסתדרות הכּללית האָט אָפּגעשאַפֿט די עקזיסטענץ פֿון בײדע קראַנקן קאַסעס און געשאַפֿן בײַ זיך איין אַרבעטער-קראַנקן-קאַסע.

צו דער אַרבעטער קראַנקן קאַסע געהערן איצט בערך 5000 מיטגלידער. איר בודזשעט שטעלט זיך צונויף פֿון חברים-אָפּצאָל, אָפּצאָלונגען פֿון אַרבעטס-געבער און פֿון אַ שטענדיקער חודשדיקער סובסידיע פֿון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. דער מיטגלידס-אָפּצאָל באַטרעפֿט: בײַ אַ לוין פֿון 4 פֿונט 10 פּיאַסטער, בײַ אַ לוין פֿון $7\frac{1}{2}$—12 פֿונט 25 פּיאַסטער, העכער פֿון 12 פֿונט 30 פּיאַסטער אַ חודש דער בודזשעט באַטרעפֿט איצט בערך 1500 פֿונט אַ חודש. דערפֿון באַטרעפֿט די סובסידיע פֿון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע 500 פֿונט, די רעשט פֿאַלט אויף מיטגליד-אָפּצאָל און דעם אָפּצאָל פֿון די אייגנטימער.

די קראַנקן-קאַסע גיט אירע מיטגלידער אומזיסטע מעדיצינישע הילף און פֿאַרפּלעגונג. אין יעדן פּלאַץ, וואו ס'געפֿינען זיך 25 חברים ווערט צוגעשיקט אַ קראַנקן-שוועסטער אין אַ אָרט, וואו ס'זענען פֿאַראַן 100 חברים אַ דאָקטאָר, בײַ 200 מיטגלידער ווערט אײַנגעאָרדנט אַ פֿעלד-לאַזאַרעט. אומעטום געפֿינט זיך אַן אַפּטייקל, יעדער חבר באַקומט טעגלעך זײַן פּאָרציע כינין. די קראַנקן קאַסע שיצט אויך די כראָנישע קראַנקע, אויב ס'איז נייטיק, ווערן אַנדערע חברים געשיקט קיין אויסלאַנד זיך צו היילן.

די קראַנקן קאַסע באַזיצט איצט אַ סאַנאַטאָריום אין ירושלים און אַ חוץ דעם נאָך אַ קראַנקן-הויז בײַ דער אַרבעטער-קיך, ווי ס'האַלטן זיך אויף די לײַכטער קראַנקע. אַ מוסטערהאַפֿט אָרגאַניזירטער אַמבולאַטאָריום געפֿינט זיך אין יפֿו. דער אַמבולאַטאָריום איז אָפֿן פֿאַר יעדן אַרבעטער, נישט בלויז פֿאַר מיטגלידער, אַ גאַנצן טאָג ביז שפּעט אין אָוונט, כּדי צו קענען געבן מעדיצינישע הילף אַרבעטער אין דער צײַט, ווען זיי זענען פֿרײַ פֿון אַרבעט. אין יפֿו געפֿינט זיך אויך אַ מוסטערהאַפֿט אײַנגעאָרדנטע צענטראַלע אַפּטייק, וועלכע פֿאַרזאָרגט מיט רפֿואות אַ גאַנצע רייע פּונקטן אַרום. חוץ דעם עקזיסטירן אין יפֿו, פּתח-תּקוה און חדרה ספּעציעלע קראַנקן-צימערן אונטער דער השגחה פֿון אַ דאָקטאָר.

די קראַנקן-קאַסע פּראָיעקטירט איצט צו בויען נאָך 2 סאַנאַטאָריומס, איינעם אויפן כרמל דעם 2-טן אין צפת. דאָס סאַנאַטאָריום אויפן כרמל איז באַשלאָסן געוואָרן אָנצורופן אויפן נאָמען פון בער באָראָכאָוו. חוץ דעם איז באַשלאָסן געוואָרן צו בויען א ספּעציעלע געביידע פאַרן שוין עקזיסטירענדן אַרבעטער-סאַנאַטאָריום אין ירושלים. די געביידע זאָל זיך געפינען אונטערן שטאָט און זאָל באַזיצן אַ אייגענעם הויז-ווירטשאַפט, גאָרטן, האָניג-פּראָדוקציע און מילכעריי. די געביידע זאָל זיין איינגעאָרדנט לויט די נייסטע פאָדערונגען פון דער היגיענע און דאַרף אַנטהאַלטן פּלאַץ פאַר 60 קראַנקע.

ס'ווערט אויך פּראָיעקטירט צו עפענען אַ צווייטן גרויסן אמבולאַטאָריום אין חיפה און טבריה, ווי אויך קראַנקן-צימערן אין אַלע גרעסערע אַרבעטס-פּונקטן ווי רחובות, מרחביה, נוריס, מחלול, מתולה און ביי די עפנטליכע אַרבעטן.

דערווייל איז נאָך דערויף קיין געלט נישט פאַראַן. די אַרבעטער קראַנקן-קאַסע קאָן עס אויף אירע אייגענע מיטלען נישט אויפבויען. דערפאַר ווערט דורכגעפירט אַ אינטערנעשנעלע באַשטייערונג. חוץ דעם האָט אויך דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער-פאַרבאַנד אין אַמעריקע צוגעזאָגט זיין פינאַנציעלע מיטהילף.

איינוואַנדערונגס-סטאַטיסטיק קיין פּאַלעסטינע

פון יוני ביז אָקטאָבער 1922

במשך פון די 5 אויבנדערמאָנטע חדשים זענען אויף אַ לעגאַלן אופן אין לאַנד אַריינגעקומען 2937 פּערזאָן, דערפון 893 נישט פאַרהייראַטע, 587 פאַמיליען-פאַטערס, 1283 פאַמיליען-מיטגלידער און 174 יתומים.

משפחה-מיטגלי-דער	פאַמי-ליען פאָטערס	נישט פאַרהיי-ראַטע	[illegible]	חודש
262	89	179	530	יוני
238	82	133	453	יולי
216	131	183	530	אויגוסט
241	117	159	691	סעפּטעמבער
326	168	239	733	אָקטאָבער

ווי ס'ווייזט זיך אויס פון דער דאָזיקער טאַבעלע שטייגט יעדן חודש די צאָל איינוואַנדערער, נישט קוקנדיק אויף די אימיגראַציאָנס-באַגרענצונגען. לויט די דערהאַלטענע ידיעות זענען די אימיגראַציאָנס-ציפערן במשך פון די ווייטערדיקע חדשים נאָך גרעסער.

לויט די פאַרעפנטלעכטע ידיעות האָט די איינוואַנדערונג פון סוף 1919 ביז מערץ 1922 באַטראָפן איבער 24 טויזנט יידן.

45 פּראָצענט פון די איינגעוואַנדערטע שטאַמען פון פּוילן, גאַליציע און אוקראַינע, 35 פּראָצענט פון רומעניע, בעסאַראַביע, דרום-רוסלאַנד און קאַווקאַז. די איבעריקע 20 פּראָצ. זענען געקומענע פון ליטע, לעטלאַנד, עסטלאַנד, אונגאַרן, עסטרייך, טשעכאָסלאָוואַקיי, דייטשלאַנד, פאַריינִיקטע שטאַטן, ענגלאַנד א. אַנד. 70 פּראָצענט פון אַלע איינוואַנדערער זענען מענער. במשך פון דער ערשטער צייט איז די איבערוויגנדע מערהייט פון די איינגעוואַנדערטע געווען בחורים. ביסלעכווייז אָבער נעמט אָן די אימיגראַציע אַ פאַמיליען-כאַראַקטער. דאָס רוב פון אַלע אימיגראַנטן איז אַלט פון 19 ביז 30 יאָר. די צאָל קוואַליפיצירטע אַרבעטער וואַקסט פון יאָר צו יאָר. צווישן די יונגע איינגעוואַנדערטע אין משך פון דער צייט זענען געווען 8000 אָרגאַניזירטע חלוצים.

הויז ביבליאטעק
אברהם מיימודעס
A. MAYMUDES

DOS ARBETER - PALESTINE
WYDAWCA: MAŁKA HENDEL
WARSZAWA, PAWIA 50 m. 24,
DRUKARNIA RAJCHMANA
WARSZAWA, KARMELICKA 15.